בס"ד

# תורת אביגדור

באידיש

הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## יום כיפור

# דער בעסטער טאג אין יאר

## סוכות

# וואלקענעס פון כבוד

תשפ"ג - שנה ד'

לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה ב"ר**
**יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב
חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער**
**אידן ארייצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין**
**בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלעכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג**
**רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל**
**רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטשט

**פאר לינדען נ.ז. 347-415-6571**

**פאר אנטווערפען רופט 0484.714.425 - 0484.229.929**

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-033**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**

© Copyright 2021 by: TorasAvigdor.org

Email: Director@torasavigdor.org | Telephone: 347.451.0332
Address: 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

בס"ד

# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

ספר דברים

נתנדב לזכות יואל בן אסתר רחל

וזג' היינצא יהודית בת אסתר ניסל, וכל יוצאי חלציהם

### יום כיפור

# דער בעסטער טאג אין יאר

**פרנס השבוע**

לע"נ

ר' פנחס בן ר' יעקב ע"ה

ר' ישכר דוב בן ר' יעקב נפתלי ע"ה

לרפואת שלימה

**יהודא בן רחל** בתושח"י

לע"נ

מרת רחל בת ר' שלמה ע"ה

צו מנדב זיין רופט:

**347.451.0332**

אימעילט: Director@torasavigdor.org



# יום כיפור
שנה ד׳

# דער בעסטער טאג אין יאר

## תוכן:

חלק א. די שמחה פון כפרה - חלק ב. די שמחה פון תשובה - חלק ג. די שמחה פון לעבן

# חלק א. די שמחה פון כפרה

### דער אפענער טעם

**לֹא הָיוּ יָמִים טוֹבִים לְיִשְׂרָאֵל כַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב וּכְיוֹם הַכִּפּוּרִים** - עס זענען נישט געווען אזעלכע גוטע טעג ביי אידן ווי דער פופצנטער טאג אין חודש אב און יום הכיפורים (תענית ל:). דאס מיינט, אז פון אלע פריי‏ליכע טעג וואס דאס אידישע פאלק האט אויפ׳ן לוח - און עס פעלן נישט קיין פריי‏ליכע טעג - זענען די צוויי פריי‏ליכסטע טעג געווען חמשה עשר באב און יום כיפור. מיר וועלן אויף יעצט לאזן אין די זייט חמשה עשר באב, אבער מיר לערנען אצינד אז יום כיפור איז געווען איינע פון די פריי‏ליכסטע טעג אין יאר. און אייגנטליך איז עס געווען די פריי‏ליכסטע, ווי מיר וועלן באלד זען.

דער אמת איז אז מיר קענען דא אויסרעכענען מער ווי עטליכע טעמים פארוואס יום כיפור איז געווען אזא פריי‏ליכער טאג אבער מיר וועלן יעצט רעדן פון דעם טעם וואס איז דער קלארסטער און וויכטיגסטער, וואס דאס איז **כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם** - אין דעם טאג טוט דיר דער באשעפער פארגעבן (ויקרא טז:ל).

אלזא, דער ערשטער באדייט וואס מענטשן פארשטייען פון די ווערטער איז, אז אז דער באשעפער וועט אונז פארגעבן פאר אלע שלעכטס וואס מיר האבן געטון און ער וועט אונז געבן א גוט יאר - מיר וועלן באקומען נאך א יאר צו לעבן אויף די וועלט. און כאטש וואס א גוטע יאר איז זייער א גוטע זאך צו האבן - יעדער זאל האבן א גוטע יאר - אבער דאס איז נישט דער גאנצער ציל פון יכפר; יכפר מיינט פיל מער ווי בלויז דאס קומענדיגע יאר. עס מיינט אויך פיל מער ווי אויף די קומענדיגע 120 יאר.

### רייניגן מיט׳ן האנט-פלאך

אצינד לייגט צו קאפ. **יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם** מיינט, אז דער באשעפער ווישט דיר אפ ריין. יכפר קומט פונעם ווארט כף. כף מיינט א האנט-פלאך און דער ר׳ איז צוגעלייגט צו באדייטן ׳אפווישן ריין׳. אין די אמאליגע צייטן האט מען נישט פארמאגט צופיל וואסער עס צו קענען פארפאטשקען, איז

פלעגט מען אפוווישן א טעלער צו רייניגן מיט'ן האנט-פלאך - מ'האט געלייגט אביסל וואסער אויפ'ן האנט-פלאך און אזוי אפגעווישט די שמוץ.

איך האב דאס שוין איינמאל איבערדערציילט - א מענטש האט מיר דערציילט אז ער איז געווען אין א רעסטוראנט און ארייגעבליקט צווישן די שפאלטענעס פון די טירן צום קיך און געזען ווי א סארווער שפייט אריין אין א טעלער און ווישט עס אפ מיט זיין האנט. ער האט זיך נישט געוואלט באדערן מיט וואשן די געשיר, איז ער אריין אין קיך און עס אפגעווישט ריין מיט זיין האנט, מיט זיין כף, און דערנאך האט ער עס צוריק ארויסגעברענגט צו ניצן.

אלזא, כפר קומט פון דאסווארט כף, האנט-פלאך, ווייל מיט'ן האנט-פלאך קען מען אפווישן א זאך ריין.

## דיין אמת'ער אידענטיטעט

אבער די ריינקייט מיינט נישט בלויז אז דער באשעפער ווישט אפ דעם בלאט ריין און ס'גייט זיין א גוטע יאר פאר דיר. ניין, ס'איז פיל מער ווי דאס, פיל וויכטיגער ווי דאס, ווייל יכפר מיינט אז דער באשעפער ווישט אפ ריין דיין נשמה. אה, דאס איז שוין טאקע עפעס אנדערש אינגאנצן - דיין נשמה ווערט איבערגעמאכט אום יום כיפור.

און דאס איז די וויכטיגסטע פון אלע זאכן וואס פאסירט צו א מענטש אויף די וועלט ווייל די נשמה, דאס איז די איינציגסטע זאך וואס מיר פארמאגן באמת. אונזערע קערפערס זענען ווי קליידונג וואס ווערן בלויז אויסגעבארגט פאר אונז צו ניצן פאר א קורצע צייט - זיבעציג, אכציג יאר; אויב ביסטו גענוג מזל'דיג, איז הונדערט יאר, און דאן דארפסטו עס צוריקגעבן. די צייט וועט קומען ווען דו וועסט דארפן אויסטון דעם אנצוג פון פלייש און ביינער און עס לאזן אין דער ערד, אין סיי וועלכן בית הקברות וואו דו האסט געקויפט א חלקה, און עס וועט צוריק פארוואנדלט ווערן אין שטויב. איז דיין קערפער, דאס איז נישט דו.

איז ווער ביסטו? דו ביסט דיין נשמה. דאס איז די גאנצע וואס דו ביסט! און דאס איז אויף אייביג און אייביג, ביז תחיית המתים ווען דו וועסט ווידעראמאל ווערן באקליידט.

אלזא די נשמה, ווען עס טוט זיך אויס דעם אנצוג פון פלייש און ביינער און עס קומט אן צום עולם הבא, ווערט עס פלוצלינג אנטפלעקט. ביז צו דעם לעצטן טאג, האט דער אנצוג וואס האט באדעקט די נשמה עס געהאלטן פארשטעלט - ס'איז געווען גרינג צו פארגעסן אמאל דערפון - אבער יעצט, שטייט עס נאקעט, אינגאנצן אנטבלויזט. און אפט איז עס באדעקט מיט פינטלעך, מיט זייער פיל פלעקן פון זינד. און ס'איז פיל שמוציגער ווי דער מענטש האט זיך פארגעשטעלט.

## שאנדפולע פלעקן

איך זאג אייך נישט יעצט קיין דרשות, זאכן וואס איך האב ערפונדן אין מיין אייגענער קאפ. רבינו יונה ערקלערט ביים אנהייב פון שערי תשובה אז יעדע זינד מאכט א פלעק אויף די נשמה. און ער זאגט דאס נאך פון די גמרא און פון תנ"ך. איבעראל שטייט עס. **כִּי אִם תְּכַבְּסִי בַּנֶּתֶר**, זאגט ירמיהו (ב:כב), אויך אויב דו וואשסט מיט שארפע זייף - צום ביישפיל מיט א כעמישער מאטריאל ווי nitrate, **וְתַרְבִּי לָךְ בֹּרִית**, און דו וועסט פארמערן פאר דיר פיל זייף, **נִכְתָּם עֲוֹנֵךְ לְפָנַי**, איז נאך דיין זינד פארפלעקט פאר מיר. מיר זעען אז אונזער זינד איז א פלעק.

אלזא, דער פאקט אז דער קערפער באדעקט עס היינט און מיר זעען נישט די פלעקן מיינט נישט

אז מ׳קען עס איגנארירן. אייגנטליך וואלט דאס געווען די נארישסטע זאך וואס מ׳קען טון ווייל די דאזיגע פלעקן זענען די גרעסטע פראבלעמען אין אונזער לעבן! נישט איינע פון די גרעסטע - די גרעסטע. איר ווייסט פארוואס? ווייל **הָעוֹלָם הַזֶּה דּוֹמֶה לִפְרוֹזְדוֹר בִּפְנֵי הָעוֹלָם הַבָּא** (אבות ד:טז) - די וועלט איז בלויז א פארצימער פאר די קומענדיגע וועלט; מיר לעבן אינעם דורכגאנג פון די וועלט בלויז זיך צו גרייטן צום עולם הבא, און ס׳איז אוממעגליך צו הנאה האבן פון די סעודה אין עולם הבא מיט די דאזיגע פלעקן אויף די נשמה.

ערשטנס וועט עס זיין זייער שאנדפול אויב מ׳גייט אריין דערמיט. לאמיר זאגן דו גייסט אריין צו א חתונה, א באנקעט זאל, און דו האסט א פלעק פון מאראסט אויף דיין קאפ אדער דו האסט שמוץ אויף דיין נאז. לאמיר זאגן דו ביסט אראפגעפאלן אונטערוועגנס און דיינע הויזן זענען נישט ריין. ס׳איז א גרויסע בושה. אלזא, זייענדיג אויף די וועלט וועסטו אפשר פראבירן עס אפצואווישן; דו קענסט גיין צו די קראנען און עס אפוואשן, דו קענסט זיך אפשר איבערטוישן די הויזן, אבער אין די קומענדיגע וועלט קען מען נישט. ס׳איז א גרויסע בושה.

## צער אין גן עדן

אבער נישט נאר א בושה וועט עס זיין, ס׳וועט אויך זיין ווייטאגליך ווייל די דאזיגע פלעקן אויף די נשמה זענען נישט קיין אויבערפלעכליכע פלעקן; זיי זענען ווי געשווירן. און דערפאר, ווען מ׳וועט ארויסברענגען די שפייז צו די סעודה וועט שוין גארנישט זיין אזוי געשמאק. אויב ליידסטו פון אפאר באפלעקטע ציינער, איז ווען דו צעקייסט סיי וואס, לאמיר זאגן דו צעקייסט א שטיקל פלייש אדער קארטאפל, וועלן די דאזיגע ציין הויעך פראטעסטירן. "אוטש!" וועלן זיי אויסשרייען. דאן וועסטו נישט קענען קייען; און אויב דו קענסט נישט בייסן; און אויב דו קענסט נישט קייען, דאן וועסטו גארנישט הנאה האבן פון די סעודה.

לאמיר זאגן, אין צוגאב דערצו, האסטו נאך מכות - לאמיר זאגן דו האסט געשווירן אין דיין מאגן און דיינע אינעווייניגסטע געדערים זענען צו סענסיטיוו צו פארנעמען פלייש. ס׳קען גארנישט פארנעמען אויסער געוויסע לייכטע מאכלים; פארשידענע זאכן וואס דארפן צוגעגרייט ווערן אין אזא וועג וואס זיי פארלירן זייער גאנצער טעם. דאס איז אלעס וואס דו קענסט עסן. אבער דו פראבירסט זיך ארייננצובאקומען יעצט צו א סעודה וואו זיי סערווירן אלע סארטן דעליקאטעסן; פליישן און זיסע געבעקסן און געשמאקע נאכשפייזן. "נישטא וואס צו מאכן," זאגט דער מלאך, "ס׳וועט נישט ארבעטן." דו דארפסט האבן געזונטע ציין צו קענען קייען און א גוטער מאגן עס צו פארדייען.

אודאי זענען די זאכן בלויז משלים, פארגלייכונגען. אין עולם הבא זענען דא רוחניות׳דיגע תענוגים, אבער עס איז דער זעלבער געדאנק; אויב וועט מען דיר ארייננלאזן מיט דיינע פלעקן, מיט געשווירן אין דיין גומען און מיט א קראנקער מאגן, וועט עס נישט זיין געשמאק ווען דו זעצסט זיך אראפ עסן. דו וועסט זיין אין גן עדן אבער דו וועסט ליידן פון ווייטאגן וואס שטייגן איבער די אינקוויזיציע פייניגונגען.

## מען דארף זיך אנגרייטן

איז אלזא, אויב א מענטש האט זיך נישט אנגעגרייט אויף די וועלט אז ער זאל האבן געזונטע רוחניות׳דיגע ציין און א געזונטער רוחניות׳דיגער מאגן, וועט מען אים נישט לאזן גלייך אריינגיין אין גן עדן - ער מוז צוערש אריבערגיין אן איבערארבעטונג אין גיהנום ביז ער ווערט גרייט צו קענען

הנאה האבן פון די תענוגים אין עולם הבא.

אצינד פרעגט מיר נישט קיין קשיות ביי די שאלות צייט, "פארוואס דארף עס זיין אזוי?" איר ווילט האבן דעם עולם הבא מיט אלע אירע פריווילעגיעס פאר אומזיסט?! דער באשעפער געבט געוויסע פריווילעגיעס פאר מענטשן וואס זענען גענוג קלוג צו מאכן נוצן פון זייערע לעבנס; און די מענטשן וועלכע זענען גענוג נאריש צו לעבן מיט זינד אן צו תשובה טון, וועלן זיי דאס דארפן אננעמען טראץ אלע שאלות.

זיי וועלן זאגן, "רבונו של עולם, אזוי ווי דו ביסט אזא גוטער, אזא בעל חסד, קענסטו אונז נישט גוטס טון אין עולם הבא אן די יסורים?" וועט דער באשעפער ענטפערן, "פארוואס האסטו זיך נישט אנגעגרייט ווען דו האסט געהאט די געלעגנהייט דערצו? דו ווילסט עפעס פאר אומזיסט? אצינד איז צו שפעט." דיינע שאלות וועלן דיר נישט צופיל העלפן - אויב קומסטו אין עולם הבא מיט פלעקן, מוזן זיי אויסגעוואשן ווערן איידער דו קענסט אריינגיין אין גן עדן.

## ארויסקומענדיג פון די אפעראציע

אלזא, דארף די נשמה נעבעך גיין צו גיהנום וואו זי קען ערווארטן אלע סארטן באהאנדלונגען. למעשה, מיר האבן נישט באקומען די געלעגנהייט צו כאפן א בליק אין גיהנום. קיינער האט עס קיינמאל נישט געזען. מיר ווייסן נאר פון וואס די חז"ל לערנען אונז, און וואס איז זעלבסטפארשטענדליך. אבער סיי וואס עס איז, איז עס טויזנט מאל, אדער מיליאן מאל מער פון וואס מ'קען בכלל אויסדריקן אין ווערטער. ס'איז נישטא קיין זאך וואס מיר פארמאגן, קיין שום רייד וואס זענען גענוג צו שילדערן דעם גיהנום.

די ערגסטע פון אלע סארט פייניגונגען וואס א מענטש קען זיך פארשטעלן אפילו אין זיין ווילדסטן חלום וואס ער האט אמאל געהאט, וועט זיך קיינמאל נישט פארגלייכן צו די ווירקליכקייט פון גיהנום. און דאס איז אלעס מיט'ן ציל אראפצונעמען די פלעקן פון זינד. דארט ניצט מען שארפע זייפן און קעמיקאלן וואס ברענען אויס אלע פלעקן און גרייטן צו די נשמה צו דאס גליק פון גן עדן. דאס איז נישט קיין פשוט'ע אויסוואשונג, דאס איז אן אפעראציע אראפצונעמען די טיפע פלעקן וואס האבן דורכגעדרונגען דורך די קליידער און זיך איינגעגעסן אין די נשמה. און יעצט דארף די נשמה דורכגיין אן אפעראציע און ס'איז נישט געשמאק. די כירורגן דארט פארמאגן אלע סארט געצייג, אויסער איינשלעפונגס מאטריאלן.

און ווען די נשמה קומט ענדליך ארויס בלאס און אויסגעגעסן פון דעם שרעקליכן איבערגאנג, הינקעט ער אריין צום עולם הבא. "אהההה!" רופט ער אויס, "דאס איז עפעס! ס'איז געווען א שרעקליכע איבערלעבעניש! אבער ס'איז ווערד געווען," זאגט זי, "ס'איז ווערד געווען. כ'בין ענדליך פטור געווארן פון מיינע פלעקן. ברוך ה' איך בין ענדליך פטור פון גיהנום."

## דער ריכטיגער סארט פחד

און דאס איז די סיבה פארוואס די זינד - אפילו בלויז איין זינד - דארף די מערסטע פון אלעם דריקן אויף א מענטש'ס קאפ; ווייל ס'איז דא בלויז איין אמת'ע שלעכטס וואס קען אמאל קומען אויף א מענטש. **וְאֵין רָעָה אֶלָּא גֵּהִנּוֹם** (נדרים כב.) - ס'איז נישטא קיין שלעכטס אויסער גהינום. דאס מיינט אז אפילו די ברעזע קראכט און ס'איז דא איבערקערענישן אין די וועלט, מלחמות און הונגער, פארבלייבט נאך אלץ דער גרעסטער זארג איבער די פלעקן אויף דיין נשמה. דו מוזט אלעמאל זארגן אויף דעם, "וואס וועט זיין דער רעזולטאט פון מיינע מעשים?"

דוד המלך זאגט דאס. **לָמָּה אִירָא בִּימֵי רָע** - "פארוואס האב איך מורא אין די טעג פון שלעכטס?" (תהלים מט:ו). ער רעדט איבער די שווערסטע טעג ווען ער האט זיך באהאלטן אין די היילן אין די וועלדער, ווערנדיג נאכגעיאגט דורך פיינט. און פון וואס האט ער די מערסטע מורא? וואס איז דער גרעסטער געפאר? **עֲוֹן עֲקֵבַי יְסוּבֵּנִי** - "איך האב מורא פון מיינע זינד," זאגט דוד המלך.

איך רעד נישט יעצט פון אבסעסיעס און איבערגעטריבענע פחדים; פון באדייטלאזע זעלבסט-באשולדיגונגען וואס קומען פון א קראנקער מח. מיר רעדן נישט פון משוגעת'ן אדער אבנארמאלע רעאקציעס. אבער דאס געזונטע געפיל פון פחד, צו זיין שטענדיג אויפמערקזאם אז דיין ציל אויף די וועלט איז עולם הבא און אז סיי וואס עס וועט באפלעקן דיין נשמה איז די ערגסטע זאך וואס קען זיין, דאס איז דער בעסטער סארט פחד וואס דו קענסט האבן.

ווייל דיין נשמה איז אלעס - ס'איז דיין צוקומפט אויף אייביג און אייביג. 'איך וועל זיין דארט אין גן עדן פאר אייביג און אייביג,' דארפסטו טראכטן, 'איך וועל זיצן צווישן ערליכע לייט מיט אזא גליק, מער ווי עס איז מעגליך פאר אונז צו שילדערן. אלע סארט פרייד, אלע סארטן הנאות אין גן עדן פאר אייביג און אייביג; אבער עס וועט נישט זיין מעגליך צו געניסן דערפון ביז איך ווער פטור פון מיינע פלעקן.'

## די פריילינסטע צייט

און דאס איז פארוואס יום כיפור איז דער פריילינסטער טאג פון יאר. דאס איז די גרעסטע געלעגנהייט אויף די וועלט פטור צו ווערן פון אונזערע פלעקן ווילאנג מיר געפינען זיך נאך דא! אודאי, אויב מען וועט נישט ווארטן ביז יום כיפור איז נאך בעסער. לאמיר זאגן אז אום פורים ווילסטו תשובה טון; ס'איז א גוטער געדאנק. פורים קען מען אויך ווערן א בעל תשובה אבער ס'וועט נישט האבן די זעלבע השפעה ווייל ווען יום כיפור קומט אן, האבן מיר א ספעציעלע הבטחה, **כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם** - אין דעם טאג וועלן דיינע פלעקן אפגעוואשן ווערן. אן דעם וואש מאשין, אן די קעמיקאלן פון גיהנום, ווערט דיין נשמה צוריק ריין.

און ווי שטארק ריין ווערסטו? אינגאנצן ריין! **לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ** - דו ווערסט ריין שטייענדיג פאר'ן באשעפער. און ווען דער באשעפער טוט דיר אונטערזוכן, ווערסטו באשטעטיגט ביי די אונטערזוכונג, דאס מיינט דו ביסט מושלם.

דאס איז וואס רבי עקיבא זאגט (יומא פה:), **אַשְׁרֵיכֶם יִשְׂרָאֵל** - וואויל איז אייך אידן, **לִפְנֵי מִי אַתֶּם מִטַּהֲרִין** - פאר וועמען דארפט איר געריינעגט ווערן, **וּמִי מְטַהֵר אֶתְכֶם** - און ווערט טוט אייך רייניגן? **אֲבִיכֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם!** דער באשעפער פירט אויס ביידע פליכטן. אום יום כיפור רייניגט ער אייך; און ער קען טון א גוטע ארבעט, בעסער ווי סיי ווער. ער איז א מומחה אין וואשן א נשמה. און דאן, ווען ער טוט דיר אונטערזוכן און ער איז צופרידן מיט דיר, ביסטו א גליקליכער מענטש. **אַשְׁרֵיכֶם יִשְׂרָאֵל** - פאר דאס אידישע פאלק וואס לעבט פאר עולם הבא, קען קיין זאך נישט מאכן גליקליכער ווי דאס!

# חלק ב. די שמחה פון תשובה

## גלייבן אין די הבטחה

אודאי, כדי צו זוכה זיין צו אזא גרויסע שמחה, מוזסטו קאאפערירן. לאמיר זאגן דו האסט פלעקן אויף דיין פנים און איינער וויל דיר עס אפוואשן, דארפסטו אים געבן דיין פנים, דו מוזסט קאאפערירן

- דו קענסט נישט אוועקדרייען דיין פנים. אום יום כיפור איז דער באשעפער מבטיח, "דער טאג וועט אפוואשן דיינע עבירות אבער דו מוזסט ארויסהעלפן."

וואס איז דער ערשטער שריט צו קאאפערירן מיט די גרויסע הבטחה? גלייבן אין די הבטחה! קיין זאך וועט דיר נישט העלפן עס זאל פארגעבן ווערן דיינע עבירות אום יום כיפור, אויסער אויב דו האסט א געוויסער מאס אמונה אין דעם יסוד אז **עִצּוּמוֹ שֶׁל יוֹם**, אז דער טאג אליין איז מכפר - דו מוזסט גלייבן אז יום כיפור טוט פאקטיש אפווישן דיינע פלעקן און דיר צוגרייטן פאר עולם הבא.

דאס מיינט אז דו דארפסט זיך טרענירן; דו מוזט אנגרייטן דיין מח פאר די גרויסע פאסירונג פון יום כיפור. דו קענסט נישט סתם ארייגשפאנען אין שול כל נדרי נאכט און טראכטן אז דאס איז געוונג. דו מוזט אפגעבן אביסל צייט צו טראכטן איבער וואס דער גרויסער טאג מיינט פאר דיר, פאר דיין נשמה. פאר יום כיפור, אום יום כיפור, ווי ווייט מעגליך זאלסטו אריינגעמען אין געדאנק די אנערקענונג צו די געוואלדיגע חסד פון באשעפער: **וַתִּתֶּן לָנוּ... אֶת יוֹם הַכִּפּוּרִים הַזֶּה** - ער האט אונז געגעבן א מתנה; **וַתִּתֶּן**. יום כיפור איז א מתנה, א גרויסע געשאנק, ווייל אין דעם גרויסן טאג גייט ער אראפנעמען מיינע פלעקן.

און ווי מער דו טראכסט דערוועגן, אלץ מער וועסטו גלייבן דערין, דאן מידה כנגד מידה, וועט דער יום כיפור דיר העלפן מער. ווי פרייליכער דו ביסט מיט די געלעגנהייט, ווי מער דו ווילסט זיך רייניגן, אלץ מער איז עס מכפר.

## טייערע מינוטן

אלזא, איר וועט באמערקן אז איך האב געזאגט "זיך רייניגן". און דאס איז ווייל אריינגערעכנט אין די קאאפעראציע מיט'ן באשעפער'ס הבטחה איז, אז מיר דארפן תשובה טון.

עס איז נישט בלויז אז דו וועסט זיצן דארט און אנטיילנעמען אינעם זינגען; דו האסט ליב די ניגונים, ס'איז דא א גוטער חזן, א פרומער חזן ער זינגט שיינע ניגונים; "אייאייאייאיי... טראלאלא.." יעדער איז פרייליך מיט די גוטע ניגונים און מען קוקט אויפ'ן זייגער טראכטנדיג וואס עס ערווארט אים אין זיין פרידזשידער.

אה ניין! אויב ווייסטו וואס יום כיפור איז, דאן איז יעדע רגע פון יום כיפור טייער פאר דיר. אויב יום כיפור וואלט זיך געצויגן דורכאויס א חודש צייט, וואלט עס געווען די בעסטע זאך אין די וועלט! אודאי וואלטן מיר געשטארבן פאר הונגער. אבער דאס איז דער אמת - ס'איז די בעסטע זאך וואס קען זיין פאר אונז. יעדע רגע איז שמחה, יעדע מינוט איז טייער.

## דערמאן זיך דיינע מעשים

דער חזן זינגט און דו טראכסט פון וואס דו האסט געזאגט יעדן טאג פון סליחות; **נַחְפְּשָׂה דְרָכֵינוּ וְנַחְקֹרָה** - לאמיר נאכזוכן אונזערע וועגן און פארשטן. איז דארפן מיר ווערן פארנומען צו טראכטן איבער דאס פארגאנגענע יאר; גיי צוריק דורכ'ן יאר זינט דעם לעצטן ראש השנה. אויב ביסטו רואיג מיט זיך, איז דאס א צייכן אויף א שוואכער זכרון. טראכט צוריק צו די אלע פרימארגנס ווען דו האסט פארנאכלעסיגט צו האבן כוונה ביים ליינען קריאת שמע. אפשר האסטו אפאר מאל איגנאנצן פארפאסט דעם זמן קריאת שמע. דו דארפסט שטארק תשובה טון אויף דעם! ס'איז א מצוה דאורייתא וואס דו האסט פארפאסט.

אפשר האסטו נישט געהאט קיין כוונה ווען דו האסט געזאגט די ערשטע ברכה פון שמונה עשרה.

און נאך פיל אנדערע זאכן, נאך וויכטיגערע זאכן. אויב א איד האט בטעות עובר געווען אויף אן עבירה פון חמץ אום פסח, דאס איז כרת. יעצט איז די צייט צו תשובה טון אויף אלעם בין אדם למקום; אויב האסטו פארפאסט קידוש לבנה דארפסטו תשובה טון. אפילו אויף א מנהג וואס דו האסט נישט מקיים געווען. אלעס.

אלזא בשעת די מינוטן גייען פארביי טראכסטו, "באשעפער, ביטע פארגעב מיר אויף דעם און אויף יענץ." זאג עס ארויס; אין פרטים! שטעל נישט אלעס צוזאם אין איין 'על חטא'. "רבונו של עולם," קענסטו זאגן, "פארגעב מיר אויף יענע צייט, און אויף די אנדערע צייט. עס טוט מיר גאר שטארק לייד." אויב מיינסטו עס באמת, אין יענעם מאמענט, אום יום כיפור, קענסטו תשובה טון אויף א גאנץ לעבן פון נארישקייטן. און בשעת די מינוטן גייען פארביי ווערסטו צוביסלעך אלץ מער און מער אויסגעוואשן; דיינע זינד ווערן אפגעטון פון דיר. בשעת דער טאג גייט אריבער, טוט דער יום כיפור אלץ מער און מער דיר אויסוואשן פון דיינע זינד.

אפילו פאר די בעסטע מענטשן האבן אסאך זאכן פאסירט זינט דעם לעצטן ראש השנה! ס'איז דא אסאך אויף וואס צו תשובה טון!

## נאך א קאטעגאריע פון זינד

למעשה, כאטש מיר דרייען אונזער פנים צום באשעפער און לאזן זיך אפוואשן דורך תשובה, איז דאס נישט אלעמאל גענוג; צומאל דארפן מיר טון מער ווי דאס. ווייל אויב האסטו געטון אן אומרעכט צו א צווייטן איד, דארפסטו וויסן אז ס'איז נישטא אזא זאך ווי פארגעבונג אויסער אויב ער איז דיר מוחל.

דאן גיי און פאל צו די פיס פון יענעם איד און בעט אים, "ביטע, פארגעב מיר אויף די נישט שיינע רייד וואס איך האב גערעדט צו דיר." צומאל וועט נישט זיין וויכטיג צו פאלן צו די ערד אבער סיי וואס דו דארפסט טון, טו עס! אויב טוסטו גארנישט, זאלסטו וויסן אז ס'וועט זיין זייער, זייער נישט פרייליך וואס עס וועט פאסירן צו דיר.

איר ווייסט, דער קלוגער איד הגה"צ רבי איצעלע פעטערבורגער זצ"ל פלעגט ערב ראש השנה איידער ער איז ארויס פון זיין הויז צו גיין אין שול, זיך צוריקדרייען און זאגן פאר זיין ווייב, "זיי מיר מוחל, ביטע." און זי איז געווען א קלוגע פרוי און געענטפערט, "און דו זיי מיר מוחל."

אאאה, דאס איז וואונדערבאר. דאס איז ווי אזוי די פלעקן פון די נשמה ווערן אפגעווישט ריין. ס'איז א געוואלדיגע זאך. בעט דיין ווייב זאל דיר מוחל זיין איידער דו קומסט אין שול יום כיפור. אויב טוסטו דאס נישט איז דא א לאנגע ליסטע וואס זי האט; זי האט זייער א לאנגע ליסטע קעגן דיר! און דערפאר, סיי ווי אזוי דארפסטו באקומען א מחילה, אז נישט וועט דיר גארנישט העלפן.

## ארויסגיין פון שול יום כיפור

צומאל איז עס נישט אזוי גרינג. איך האב אמאל אנגערופן א מענטש בעטן מחילה, און ער האט אראפגעהאקט דעם טעלעפאן אויף מיר. ס'איז נישט גרינג אבער מ'מוז עפעס טון דערוועגן; מ'מוז באקומען א מחילה ווייל קיין זאך וועט נישט העלפן; קיין זאך וועט נישט העלפן. דאס איז די הלכה, ס'איז א הלכה פסוקה (שלחן ערוך או"ח תר"ו); נישט לפנים משורת הדין. דו מוזט זיך פארבינדן מיט יענעם מענטש אויף עפעס א וועג צו באקומען א מחילה, אנדערש איז געפערליך וואס עס וועט פאסירן.

א מענטש האט אמאל פארשעמט א צווייטן און אים איבערגעלאזט אין אייראפע און ער איז

געקומען קיין אמעריקע. אין יענע טעג, ס'איז געווען א לאנגע צייט צוריק, האבן מענטשן נישט געקענט אנקלינגען אויפ'ן טעלעפאן איבער'ן ים צו אייראפע. וואס זאל ער טון? זאל ער פארן קיין אייראפע? מיינט נישט אז דער צווייטער אויסוואל לוינט ענדערש. דער צווייטער אויסוואל איז גיהנום. אויב האבן מיר נישט קיין כפרה אויף די וועלט, קומט גיהנום, און גיהנום איז ערגער ווי צו פארן קיין אייראפע און בעטן מחילה.

דערפאר, אויב מאכט זיך אינמיטן דאווענען אז דו דערמאנסט זיך אז דו האסט איינעם פארשעמט אבער יעצט געפינט ער זיך אין א צווייטע שול, ער איז ערגעץ אין בארא פארק, איז מאכט א שפאציר פון דא (פלעטבוש) קיין בארא פארק צו יענע שול און בעט איינעם, "ביטע, רופט מיר ארויס מר. שמואל כהן."

איך האב עס אמאל געטון. פיל יארן צוריק האב איך זיך דערמאנט אום יום כיפור פון א מענטש וואס איז אמאל געווען אין מיין שול און איך האב אים קריטיקירט אויף א געוויסע זאך וואס ער האט געטון. אין יענע צייט האב איך געטראכט אז דאס איז געווען ריכטיג צו טון. שפעטער האב איך געטראכט אז אפשר וואלט איך עס נישט געדארפט טון. איז אום יום כיפור - ער דאווענט מער נישט אין מיין שול; ער איז געגאנגען ערגעץ אנדערש - בין איך ארויס פון שול אינמיטן דאווענען, און איך האב אריבערשפאצירט צו אן אנדערן געגנט וואו ער האט געדאווענט און איך האב געבעטן איינער זאל אים ארויסרופן. איך האב אים געזאגט, "זיי מיר מוחל, ביטע." האט ער געענטפערט, "איר ווייסט, איך בין אייך מוחל." אהה! דאס איז געווען א געוואלדיגע דערגרייכונג. טוט דאס! יום כיפור איז דער טאג. **כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם**; אין דעם טאג ארבעט דער באשעפער מיט דיר.

## מחילה פון א נפטר

און חס ושלום אויב א מענטש גייט אוועק פון די וועלט. אהא, דאס איז צרות. אוי איז דאס יעצט א פראבלעם. דו מוזט עפעס טון איבער דעם. איך האב אמאל געהאט אזא פאל. איך האב אמאל פארשעמט אן אלטער רב. ס'איז געווען א מחלוקה איבער א מקוה. ער האט גע'כשר'ט א מקוה מיט שטאטישע וואסער, ער האט געזאגט, אז עס דארף נישט האבן רעגן וואסער. האב איך געזאגט, "שטאט וואסער?! פאר א מקוה?! ביסט א רשע!"

דערנאך האט מיר לייד געטון אז איך האב עס געזאגט. ס'איז געווען זייער נישט ריכטיג פון זיין זייט. שטאטישע וואסער איז א מקוה? אבער מיר האט עס לייד געטון. האב איך אים אנגערופן אבער ער האט מיר נישט געוואלט מוחל זיין. דערנאך איז ער אוועק פון די וועלט. איך בין דאן געווען אינדרויסן פון שטאט. איך האב געוואוינט ערגעץ אנדערש. האב איך גערופן מיינ'ס אן אלטער חבר און געבעטן, "נעם צוזאם א מנין, כ'וועל דיר באצאלן דערפאר 100$, און גייט צום בית החיים און שטעלט זיך פארנט פונעם קבר און זאגט אז איר זענט שלוחים פאר דעם און דעם מענטש און זאגט **חָטָאתִי לַה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל וְלִפְלוֹנִי**."

ער האט עס געטון פאר מיר. ער האט צוזאמגענומען מענטשן וועלכע זענען געפארן אינאיינעם צום בית החיים און איך האב געצאלט די אויסגאבן דערפון. זיי האבן זיך געשטעלט פאר'ן קבר פון דעם רב און איבערגעזאגט מיינע ווערטער.

אויב ווילט איר אז יום כיפור זאל זיין פאר אייך א פריילעכער טאג, איז דאס וואס איר דארפט טון פאר יום כיפור.

## באקומען מחילה

למעשה, אויב איז שוין יום כיפור, ביסטו שוין אראפגעבונדן. אפילו אויב יענער לעבט, אפשר וואוינט ער אין ארץ ישראל און דו קענסט נישט אריבערשפאצירן אים איבערצובעטן. אוי! ווי אזוי קען איך אים ברענגען מיר מוחל צו זיין? ס'איז א גרויסער פראבלעם. דאס איז זייער א גרויסער פראבלעם, ווייל יום כיפור איז שוין דא.

ס'איז דא איין קליינע מעגליכקייט. איך זאג נישט אז דאס וועט לעזן דעם פראבלעם, אבער ס'איז א מעגליכקייט. דער באשעפער זאגט, **מוֹחֵל עָוֹן וְעֹבֵר עַל פֶּשַׁע** - וועמען טוט דער באשעפער פארגעבן? **מִי שֶׁעוֹבֵר עַל פֶּשַׁע** - איינער וואס ער אליין פארגעבט אנדערע (ראש השנה יז.). אויב מאכסטו זיך אליין אלס א פארגעבנדער מענטש, דאן וועט דער באשעפער ברענגען דערצו אז אנדערע מענטשן זאלן דיר מוחל זיין.

דו דארפסט ארבעטן אויף דעם. טראכט צוריק אויף אלע מענטשן וועלכע האבן דיר פארשעמט דורכאויס דיין לעבן; דו געדענקסט ווי יענער האט אויפגעהאנגען דעם טעלעפאן אויף דיר. א צווייטער האט דיר אנגערופן מיט א נאמען און גערעדט קעגן דיר. זאג, "איך בין יעדן מוחל מיט א מחילה גמורה." זאג עס! און אפילו אויב דו ביסט נישט באמת מוחל, ס'איז דיר שווער - אפשר ביסטו נישט מוחל אין דיין הארץ, דאך זאג עס ארויס. די ספרים ברענגען אז איינמאל מ'זאגט ארויס, "איך בין מוחל," אפילו אויב מ'מיינט עס נישט באמת, איז עס א גוטע מחילה.

## דער באשעפער אויף דיין זייט

איז לייגט צו קאפ. מיר דארפן אלע יעצט זאגן ווי פאלגנד - ס'איז א גוטער אינוועסטמענט: - "איך בין וויליג צו פארגעבן אויף אלע אידן וועלכע האבן געטון אומרעכטן קעגן מיר." צומאל געדענקט מען, צומאל נישט, דערפאר זאגט עס אין אלגעמיין: **הִנְנִי מוֹחֵל לְכָל מִי שֶׁחָטָא כְּנֶגְדִּי** - איך בין מוחל סיי ווער עס האט געזינדיגט קעגן מיר; מיין מאן, מיין ווייב, מיינע שכנים, מיין באלעבאס, מיינע איינגעשטעלטע, אלע פון זיי. כאטש זיי האבן מיר ווי געטון און כאטש עס האט מיר געשטאכן; עס רודערט נאך אין מיין קאפ אבער איך גיי זיי פארגעבן מיט'ן גאנצן הארץ. **וְאַל יֵעָנֵשׁ שׁוּם בַּר יִשְׂרָאֵל בְּסִבָּתִי** - און קיין שום איד זאל נישט באשטראפט ווערן צוליב מיר.

"אה, אויב אזוי," זאגט דער באשעפער, "דאן וועל איך זיין אויף דיין זייט! אויב טוסטו אזוי, דאן וועל איך אויסארבעטן זאכן פאר דיר, אז אנדערע זאלן דיר אויך פארגעבן אויף אלעם."

און אפילו אויב דו מיינסט עס נישט מיט'ן גאנצן הארץ, איז עס א גוטער אנהייב אין גוטן ריכטונג. דאס מיינט אז דו מאכסט גוטע נוצן פון דעם פריילעכסטן טאג אויף אונזער לוח. יום כיפור איז דער טאג ווען דיין נשמה קען געריניגט ווערן פון אירע פלעקן, ס'איז נישטא עפעס פרייליכער ווי דאס. און ווי מער דו פארשטייסט די הבטחה פון **בַּיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם**, אלץ פרייליכער ווערט דער טאג.

# חלק ג. די שמחה פון לעבן

## ווערן פרייליך

אצינד, מיר קענען נישט אפטרעטן פון די נושא פון 'דער פרייליכסטער טאג פון יאר' אן צו דערמאנען נאך א שמחה וואס יום כיפור ברענגט פאר אונז. אודאי, מיר זענען אלע זייער פרום און

דערפאר זעט עס אונז אויס אז אויב אונזערע נשמות ווערן גערייניגט אין דעם טאג, איז דאס די גאנצע וואס מיר דארפן - מיר גרייטן זיך פאר א שמחה וואס וועט פארבלייבן אויף אייביג אין עולם הבא און וואס קען זיין פריילִיכער ווי דאס?!

אבער מיר וועלן אצינד זען אז טייל פון די תשובה וואס מיר דארפן טון אום יום כיפור וועט אונז מאכן פאר פריילִיכע מענטשן אויך אויף די וועלט. די תשובה וואס מיר טוען אום יום כיפור באדייט, אז דאס איז דער ערשטער טאג פון א לאנגע יאר פון גוטע צייטן!

אודאי, דורכאויס די עשרת ימי תשובה געפינט זיך דאס אידישע פאלק אין אן ערנסטער געמיט - יום כיפור איז זייער ערנסט - אבער אריינגערעכנט אין דעם טאג פון חשבון הנפש איז די וויכטיגע לערע פון שמחו צדיקים בה׳, ווי אזוי צו ווערן א פריילִיכער מענטש מיט אלע חסדי השם.

## דער וויכטיגער אריינפיר

לאמיר הערן וואס מיר זאגן יעדן אינדערפרי אין די סליחות. אויב זאגט איר סליחות - וואס איר זאלט זאגן - זאגט איר יעדן אינדערפרי ווי פאלגענד; דאס זענען די אריינפיר ווערטער: **לְךָ ה׳ הַצְּדָקָה** - צו דיר באשעפער איז גערעכטיגקייט, **וְלָנוּ בֹּשֶׁת הַפָּנִים** - און מיר זענען פארשעמטע.

למעשה, טייל מענטשן ווען זיי זאגן די ווערטער ווארטן זיי בעיקר אויף די וויכטיגע ווערטער: "**אֲבָל אֲנַחְנוּ וַאֲבוֹתֵינוּ חָטָאנוּ** - אבער מיר און אונזערע עלטערן האבן געזינדיגט קעגן דיר." דאגעגן די ווערטער "**לְךָ ה׳ הַצְּדָקָה וְלָנוּ בֹּשֶׁת הַפָּנִים**", טראכטן זיי אז דאס איז בלויז אן אריינפיר.

ניין! די שורה ענטהאלט אלעס! די איינע שורה איז גענוג סליחות. שטעל זיך אפ דא! גיי נישט ווייטער! לאז אנדערע לויפן פאראויס. אבער מיר קענען נישט לויפן, די ווערטער ענטהאלט אלעס! "צו דיר באשעפער איז די גערעכטיגקייט, אבער מיר זענען פארשעמט פאר דיר."

## בושה אין באנק

אלזא, צום ערשטן געדאנק ביי די וועלכע טראכטן אז זיי ווייסן וואס זיי זאגן, פארשטייען זיי אז דאס מיינט אזוי: ס׳איז אזוי ווי ווען דו קומסט צו דער באנק׳ס אדמיניסטראטער געהילף און דו בעטסט אים א גרויסע הלואה, זאגט ער, "אויף וועלכן סמך? אויף וואס קען איך זיך פארלאזן דיר צו געבן אזויפיל געלט?" דאן זאגסטו אים צו אלע סארטן זאכן. דו דערציילסט אים אז דו האסט פלענער, ביזנעס פלענער, און זיי וועלן דיר אריינברענגען פיל געלט.

און דאן ווען די צייט קומט און דו ביסט געבליבן מיט גארנישט און דו ווילסט האבן נאך א הלואה, אנדערש וועט זיך דיין ביזנעס פארמאכן, ווייסטו אז ער וועט דיר פרעגן, "וואס איז דאס?!" דו שעמסט זיך אפילו צו גיין בעטן א הלואה. דו וועסט נישט גיין צו דער באנק׳ס אדמיניסטראטער געהילף די צווייטע מאל.

אבער צום באשעפער קומען מיר צוריק יעדע יאר - וואספארא ברירה האבן מיר? נאר מיר דארפן זיך קלאפן אין קאפ און זאגן **לְךָ ה׳ הַצְּדָקָה** - מיט דיין גערעכטיגקייט האסטו אונז געגעבן די פארגאנגענע יאר אויף בארג, א יאר פון צדקה, אז אפשר וועלן מיר זיין בעסער, אבער **וְלָנוּ בֹּשֶׁת הַפָּנִים** - מיר זענען פארשעמט ווייל מיר זענען נישט געשטאנען אויף אונזער טייל פונעם אפמאך. פארגאנגענעם יום כיפור האבן מיר דיר צוגעזאגט אלע סארטן זאכן און יעצט קומען מיר צוריק און מיר זענען פארשעמט ווייל מיר האבן נישט איינגעהאלטן די אלע באשלוסן - אפשר טייל, אבער ס׳איז געווען גאנץ א שוואכע ארבעט. און טראץ די טעותים וואס מיר מאכן נאכאנאנד, די עבירות

אויף וואס מיר האבן עובר געווען, בעטן מיר דיר נאך א הלואה. מיר שעמען זיך אבער פונדעסטוועגן בעטן מיר.

## א נייער פשט

דאס איז ווי אזוי די ווערטער ווערן פארשטאנען און ס'איז ריכטיג. ס'איז זיכער א ריכטיגער צוגאנג אבער דאס איז נישט גענוג ווייל מיר דארפן פארשטיין אז אלע פראצעדורן אין לעבן פון וואס מענטשן געניסן ווערן אריינגערעכנט אין די ווערטער **לְךָ ה' הַצְּדָקָה**. דער באשעפער טוט נאכאנאנד גורם זיין די אלע פראצעדורן צו פונקציאנירן און דערפאר איז עס געוואנדן אין אונז צו פילן אז דאס איז צדקה פון באשעפער - מיר נעמען און נעמען און נעמען נאך.

און דערפאר, נישט נאר וואס מיר זענען פארשעמט אז מיר קומען צוריק צו בעטן נאך א הלוואה איידער מיר האבן אפגעצאלט די ערשטע, ס'איז פיל מער ווי דאס. **לָנוּ בּשֶׁת הַפָּנִים** מיינט אז מיר זענען פארשעמט ווייל מיר האבן אפילו נישט אריינגעטראכט איבער וואס דו גיבסט אונז. דאס איז שוין עפעס ניי. נישט נאר וואס מיר האבן נישט געטון גענוג אין תורה און מצוות און מעשים טובים, נאר מיר האבן זיך אפילו נישט אפגעשטעלט דיר צו דאנקען אויף וואס מיר באקומען פון דיר יעדע אייציגע מינוט.

**לְךָ ה' הַצְּדָקָה** מיינט, אז דורכאויס די פארגאנגענע יאר זענען מיר ארויס פאר אונזערע באדערפענישן יעדן טאג אדער כמעט יעדן טאג. איז דאס נישט א וויכטיגע זאך פון וואס צו טראכטן? איר טראכט נישט אזוי? איך געדענק אמאל א יונגער מענטש, ער האט נישט געקענט ארויסגיין פאר צוועלף טעג. ער איז געווען אין א שווערן מצב. אין ישיבה האט מען געזאגט תהלים פאר אים בייטאג און בייינאכט און מען האט געניצט אלע סארטן מיטלען אים צו ראטעווען. ענדליך, האט דער נס פאסירט. צוועלף טעג האט ער געווארט אין אנגסט! אבער מיט אונז פאסירט עס אלעמאל, טאג נאך טאג; דאס איז א געוואלדיגע צדקה! און אויב מיר האבן קיינמאל נישט געטראכט איבער דעם, אויב האבן מיר נישט געדאנקט דעם באשעפער די גאנצע צייט, דאן **וְלָנוּ בּשֶׁת הַפָּנִים** - זענען מיר פארשעמט צו בעטן נאך.

דא זעען מיר יעצט אז איינע פון די ערשטע יסודות פון תשובה - נאך פאר **אָשַׁמְנוּ** און **בָּגַדְנוּ** און **גָּזַלְנוּ**, זענען די ערשטע ווערטער פון תשובה **לְךָ ה' הַצְּדָקָה וְלָנוּ בּשֶׁת הַפָּנִים**. יום כיפור איז נישט נאר דאס פון וואס מיר האבן געערעדט פריער, אז מיר דארפן תשובה טון אויף דעם חטא פון נישט טון דאס אדער יענץ. דאס איז זייער וויכטיג אבער דאך איז עס נאר א טייל פון די מעשה. איינע פון די וויכטיגסטע יסודות אין תשובה איז, אז מיר דארפן חרטה האבן אז מיר האבן נישט געדאנקט דעם באשעפער פאר די אלע חסד וואס ער האט געטון מיט אונז.

## לעבן מיט הנאה

אבער אייגנטליך איז דא עפעס אפילו פאר דעם. כדי צו דאנקען דעם באשעפער פאר די אלע גוטע זאכן וואס ער האט געטון מיט אונז און וואס ער טוט מיט אונז, איז וויכטיג אז מיר זאלן פאקטיש געניסן דערפון יעצט. אויב דו לערנסט זיך נישט צו זיין פריילך ווען דו גייסט ארויס פאר דיינע באדערפענישן, איז דאן 'איך דאנק דיר' באדייטלאז. אויב האסטו זיך נישט געלערנט צו געניסן פון וואס דער באשעפער געבט דיר, איז דאס נאר אן עבודה מיט די ליפן.

און אזוי, ווען מיר קומען יעצט פאר'ן באשעפער, זאגט ער, "מיין קינד, דו קומסט צו מיר און דו

בעטסט אויף נאך א יאר." "**כתבנו לחיים**," א גאנצן טאג, "געב מיר לעבן, געב מיר לעבן." זאגט דער באשעפער, "ערשטנס, וויל איך וויסן מער ווי סיי וואס, וואס גייסטו טון מיט דאס דאזיגע יאר? צי גייסטו עס מאכן פאר א יאר פון אומגליקליכקייט פאר זיך אליין? דו וועסט לעבן אן צו געניסן פונעם יאר?"

לאמיר זאגן, דו האסט געמאכט פאר איינעם א געשמאקע סעודה. דו האסט אים סערווירט טייערע מאכלים, און ער האט זיך אראפגעזעצט און ער האט עס אריינגעשטופט אין זיין מויל און אפילו נישט ריכטיג צעקייט. ער האט געגעסן אין איילעניש, און אין דריי מינוט, לאמיר זאגן, האט ער ערלעדיגט א טייער שטיקל פלייש מיט צושפייז וואס האבן דיר אפגעקאסט אסאך געלט און פיל צייט צו אנגרייטן. ווען זיין צעקלאפט, אנטוישט. דו האסט געוואלט ער זאל הנאה האבן פון די סעודה. דו האסט געוואלט ער זאל זיך אראפזעצן און קיין שטייט, אריינציען דעם גערוך פון די סטעיק.

און דערפאר, ווען מיר קומען און בעטן פאר לעבן, וויל דער באשעפער צום אלעם ערשטן וויסן, צי וועלן מיר אריינכאפן די אלע טעג איינער נאכ'ן אנדערן אן עס צו שעצן, אן קיין פרייד? אין דעם פאל קען דער באשעפער נישט אזוי חשק האבן צו געבן אזא טייערע מתנה.

## כאפ דעם טאג!

צי שטעלט איר זיך אפ טראכטן אז מיר האבן שוין געהאט פיר געהויבענע טעג אין די נייע יאר? וויפיל מענטשן שטעלן זיך אפ טראכטן; פיר הערליכע טעג! צוויי טעג ראש השנה און דערנאך א געהויבענער טאג צום גדליה, און דער היינטיגער טאג. צי שטעלט איר זיך אפ טראכטן אז אין די דאזיגע פיר טעג האט איר געלעבט נארמאל און געזונט?

געוויסע מענטשן ווארטן נאר אויף זאכן וואס דארפן נאך קומען. 'אויב וועסטו מיר געבן עפעס אנדערש דאן וועל איך דיר דאנקען.' דער פאקט אז דער באשעפער האט שוין געגעבן פיר טעג אין די יאר, אויף דעם דאנקט מען נישט. אט אזוי וועלן מיר קומען יום כיפור און בעטן פאר דאס איבעריגע טייל יאר?! דער באשעפער זאגט, "אזוי האסטו הנאה געהאט דערפון? איך האב דיר געגעבן א ביישפיל. איך האב דיר שוין געגעבן פיר טעג. צי האסטו הנאה געהאט דערפון?"

ניין, דאס איגנארירט ער. ער בעט פאר די איבעריגע טייל יאר. און וואס וועט פאסירן צו די איבעריגע טייל יאר? ער וועט דאס אויך איגנארירן. קען דער באשעפער חס ושלום זאגן אז ס'איז א שאד; ס'איז א שאד אויף גוטע טעג און גוטע יארן פאר אזא מענטש.

און דערפאר, דער וועג צו בעטן פון באשעפער פאר די פארזעצונג פונעם יאר, איז מיט שמחה. איך לערן אצינד ווי אזוי צו זיין א פרייליכער מענטש. יעדן טאג וועל איך געניסן פון דעם טאג. ווי די רוימער פלעגן זאגט, 'קארפע דיעם', כאפ דעם טאג! אט יעצט, כאפ דער היינטיגער טאג.

## פרייליכע ערוועקונגען

דו האסט זיך אויפגעוועקט היינט אינדערפרי, נישט אזוי? אויב ביסטו יעצט דא ביי דעם שיעור מיינט דאס אז דו ביסט איינע פון די גליקליכע וואס האט זיך היינט אויפגעוועקט. ברוך ה'! ברוך ה'! ווען דו עפנסט דיינע אויגן אינדערפרי, די ערשטע זאך, "גוטע נייעס! איך בין לעבעדיג!" פיל מענטשן ל"ע באקומען נישט אט די גוטע נייעס אינדערפרי.

אט איז א פרוי וואס וועקט זיך אויף אינדערפרי און זי כאפט א בליק אויף איר מאן אין זיין בעט און זי זעט אז זיין קאליר איז אנדערש היינט און זי ווערט דערשראקן. זי זאגט, "יענקל, שטיי אויף!" אבער אין קול ואין קושב. זי מאכט קולות און רופט הצלה. ס'איז אבער צו שפעט. ס'איז צו שפעט. דאס פאסירט נאכאמאל און נאכאמאל, אין פיל הייזער.

און דערפאר, די ערשטע גוטע נייעס אינדערפרי איז, אז דו האסט געעפנט דיינע אויגן. "איך לעב! אהא! איך לעב!" און דאס איז גאר א געוואלדיגע זאך. פראקטיצירט דאס מארגן אינדערפרי. ס'איז נישטא נאך אזא גוטער פארמעגן ווי צו זיין לעבעדיג, אבער מיר דאנקען יעדן טאג דעם באשעפער דערפאר מיט ווערטער אן קיין כוונה, אן קיין געפיל פון שמחה הינטער דעם.

## פרייליכע זעאונגען

נישט נאר וואס דו לעבסט, נאר ווען דו עפנסט דיינע אויגן קענסטו זען! צי האסטו געדאנקט דעם באשעפער? דו זאגסט, "יא, יעדן טאג זאג איך פוקח עורים." דאס איז גארנישט. דאס שטייט אין סידור, האסטו נישט קיין ברירה און דו זאגסט עס. וואספארא שאד! ברוך אתה ה' פוקח עורים! ווי אזוי קען מען זאגן די ברכה מיט כוונה אויב מ'איז נישט פרייליך מיט די אויגן?

צי ווייסט איר וואס אויגן זענען? דאס גליק פון אויגן? צי האט איר אמאל געהערט פון מענטשן וואס האבן פארלוירן זייער זע קראפט פאר עטליכע יאר און דאן מיטאמאל, דורך עפעס אן אפעראציע, האבן זיי עס צוריקבאקומען? אה! זיי האבן נישט געדארפט קיין עסן. דאס גאנצע וואס זיי האבן געוואלט איז טרינקען מיט די אויגן. זיי האבן אנגעזעטיגט זייערע אויגן אויף זייערע פאמיליע מיטגלידער, אויף די וועלט. אזא הערליכע וועלט. ס'איז אזא גליק צו קענען זען.

## פרייליכע פונקציאנירונג

און דאן גייסטו אריין אין באדע צימער. אויב האסטו נישט הנאה פון דיינע געווענליכע נאטורליכע פונקציעס, וועסטו אים קיינמאל נישט דאנקען. דערקוויק זיך דערמיט. איר מיינט ס'איז א וויץ? פרעגט א מענטש וואס געפינט זיך אין שפיטאל ווארטנדיג פאר אן אפעראציע צו צוריקשטעלן זיין נארמאלער וועג צו ארויסגיין. איר ווייסט, איין טאג איז ער אויפגעשטאנען און ער איז געווען אנגעלייגט מיט פליסיגקייט אבער ער האט נישט געקענט ארויסגיין. ער האט געזאגט פאר זיין ווייב און זיי האבן באשלאסן צו רופן אן אמבולאנס. נישטא קיין ברירה, ער קען נישט ווארטן מער. זיי האבן געווארט א שעה אדער צוויי און יעצט פלאצט ער.

און אין איילעניש האט מען זיי געפירט אין שפיטאל און זיי ווארטן אין די רייע ביז ער שפירט ווי ער פאלט צוזאם. ער גייט אריבער צום נורס טיש און זאגט אז ער קען מער נישט ווארטן, דריי שעה וואס ער האט נישט געקענט ארויסגיין און ער קען מער נישט ווארטן. "אוי," ענטפערט זי, "דו וואלטסט דאס געדארפט זאגן גלייך." און זי איילט זיך מיט אים דורך א זייטיגע טיר און פירט אים גלייך אריין אין אפעראציע צימער. ער קען נישט ווארטן. אבער ס'איז נישט פשוט. ער האט איין אפעראציע און דערנאך נאך אן אפעראציע, מיט א וואך אינצווישן ווען ער דרייט זיך ארום אין שפיטאל מיט א זעקל באהאפטן צו אים.

אויב דער מענטש קען צוריקבאקומען זיין נאטורליכער ארויסגאנג מעגליכקייט, וועט ער זיין איבערגעפילט מיט פרייד. ער וועט זיין אזוי גליקליך, ער וועט זיין צעפייערט. ער קוקט ארויס אויף דעם גרויסן טאג ווען ער וועט אהיימקומען און ווידעראמאל זיין ווי יעדער איינער. ער וועט זיין ווי א

מיליאנער ווען דאס וועט פאסירן. אבער איך, ווייל איך האט דאס יעדן טאג, זאלט איך דען נישט זיין צעפייערט?

## ריכטיגע תשובה

אט איז א מענטש אין שול אום יום כיפור, וואס שטעלט זיך אויף צו זאגן ווידוי; **אָשַׁמְנוּ, בָּגַדְנוּ**. ער שטרענגט אן זיין מח צו טראכטן פון עבירות. ווען האט ער גע'הרג'ט אין די פארגאנגענע יאר? ער איז נישט געפארן אום שבת. ער האט נישט געגעסן חזיר. אין גרעסטן טייל איז ער געווען א פיינער איד.

דארף ער זיך אבער בארעכענען אויף די דאזיגע זינד; 'האב איך געדאנקט דעם באשעפער מיט די גאנצע הארץ פאר די טעגליכע גליק וואס ער האט מיר געגעבן? בין איך געווען פרייליך מיט א גוטע נאכט שלאף? בין איך געווען פרייליך מיט א פארזיכערטע היים און אז ס'איז נישט געווען קיין איינציגע פייער אין מיין הויז? אז איך בין נישט געווארן באפאלן אין די פארגאנגענע יאר. אז איך האב נישט קיין געלענקן אנטצינדונג (ארטרייטיס). בין איך געווען פרייליך אז איך קען אטעמען? אז איך האב צוויי נאז לעכער און נישט איינס?' דו האסט צוויי נאז לעכער וואס אטעמען טיף אריין פון די לופט וואס דער באשעפער געבט דיר. ביסטו געווען פרייליך מיט א געזונטער ארויסגאנג? ביסטו געווען פרייליך יעדן טאג אז דיין הארץ קלאפט און דיינע נירן פונקציאנירן? דו פילסט אפילו נישט די אנוועזנהייט פון די נירן. זיי ארבעטן אזוי גוט. פארוואס ביסטו נישט פרייליך מיט גלאטע פונקציאנירנדע געלענקן, אן קיין ווייטאגן אין די ביינער?

אה, יעצט טוט ער תשובה! **אָשַׁמְנוּ**, איך בין שולדיג פאר נישט געניסן פון מיינע אויגן. **בָּגַדְנוּ**, איך האב בוגד געווען קעגן דיר דורך נישט הנאה האבן פון מיינע גלאט פונקציאנירנדע געלענקן. **גָּזַלְנוּ**, איך בין שולדיג פאר נעמען דיינע עסן יעדן טאג און נישט הנאה האבן דערפון. ער טוט יעצט תשובה פאר נישט געניסן פון זיינע אויגן און זיינע פיס און זיינע מאלצייטן און זיין הארץ און זיינע נאז לעכער.

## הונגעריג און פרייליך

און אזוי, אויב ניצסטו אויס דעם יום כיפור ריכטיג, הייבסטו יעצט אן צו לערנען ווי אזוי צו מאכן דיינע טעג פרייליך; דו גייסט אוועק פונעם יום כיפור אלס א פרייליכער איד. כאטש האסטו א פלאן ווי אזוי צו ווערן א פרייליכער איד. נישט קיין געמאכטע פרייד. דו גייסט אהיים פון מעריב - דו האסט נישט קיין פרוטה אין טאש, דו ביסט הונגעריג - אבער דו האסט הנאה פון דיין לעבן!

און דאס איז פארוואס יום כיפור איז דער גרעסטער טאג, דער פריילעכסטער טאג אויפ'ן אידישן לוח. וואספארא פרייליכער טאג איז דאס! ביים סוף פון יום כיפור ביסטו א נייער מענטש און דו גייסט ארויס גערייניגט און געלייטערט; דו וועסט קענען הנאה האבן פון די שמחה אין עולם הבא אן קיין סוף. **כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם** - אין דעם טאג וועט דער באשעפער דיר רייניגן. דאס פאלק וואס האט פארשטאנען דעם באדייט פון די ווערטער זענען געווען פול מיט שמחה, אזש דאס איז געווען איינע פון די פרייליכסטע טעג אין יאר. און אויב טוסטו ריכטיג תשובה, אויב לערנסטו ווי אזוי צו זיין פרייליך מיט דעם חסד ה', וועסטו אויך זיין פרייליך ביז'ן סוף פון דיין לעבן אויך אויף די וועלט.

א גמר חתימה טובה

# שאלות ותשובות
## מיט הגאון ר׳ אביגדור מיללער זצ״ל

**שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך**

### שאלה:

**דורכאויס די יעצטיגע טעג פון עשרת ימי תשובה זאגן מיר ׳אבינו מלכנו׳ און איך האב באמערקט אז אין שמונה עשרה, ביי די ברכה פון תשובה (השיבנו) און ביי די ברכה פון סליחה (סלח לנו) ניצן מיר אויך די דאזיגע ווערטער. פארוואס ווערט ׳אבינו מלכינו׳ גענוצט דוקא ביי די ברכות?**

### תשובה:

ווייל כדי זיך צוריקצוקערן צום באשעפער מוזן מיר זיך לערנען צו ליב האבן דעם באשעפער, און כדי צוריקצוקומען צום באשעפער מוזן מיר זיך לערנען צו מורא האבן פון באשעפער. ׳אבינו׳, אונזער פאטער, מיינט, ׳דער וואס האט אונז ליב און מיר האבן אים ליב׳. און ׳מלכנו׳, אונזער קעניג, מיינט, ׳דער וואס קאנטראלירט אלעס אין אונזערע לעבנס פונקט ווי א קעניג׳; און מיר האבן מורא פון א קעניג.

אלזא, ווען מיר קומען צו די אנערקענונג צו וואס עס מיינט מורא האבן פון באשעפער און ליב האבן דעם באשעפער, דאס אליין איז תשובה. תשובה מיינט נישט בלויז טון זאכן; ס׳איז צו פארשטיין זאכן. איז ווי מער דו ביסט באוואוסטזיניג צום באשעפער אלס ׳אבינו׳, דאס אליין איז השבינו, דאס מיינט זיך צוריקקערן צו אים. און ווי מער דו ביסט באוואוסטזיניג צום באשעפער אלס מלכנו, אלס דיין קעניג, דאס אליין מיינט אז דו קערסט זיך צוריק צום באשעפער.

אלזא, געדענקט דאס אצינד; סיי ווען איינער פראבירט צו ווערן בעסער דארף ער זיך לערנען דעם ענין פון אבינו, וואס דאס איז אהבת ה׳, ליב האבן דעם באשעפער, און מלכנו, דאס איז יראת ה׳.

למעשה, ווען פרומע אידן הערן דאס, נעמען זיי דאס אן בלויז ווי א מליצה און ס׳מיינט גארנישט פאר זיי. אבער דאס דארף ווערן ביי אונז באדייטפול דורך זיך איינ׳חזר׳ן וואס עס מיינט ליב צו האבן דעם באשעפער און וואס עס מיינט מורא צו האבן פון באשעפער. און דאס איז פארוואס עס געפינען זיך די ווערטער אין השבינו און סלח לנו, ווייל תשובה און סליחה ווענדט זיך אין וויפיל מ׳טוט קונה זיין די השגות פון אבינו און מלכנו.

בס"ד

# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

ספר דברים

נתנדב לזכות יואל בן אסתר רחל

וזג' הינצא יהודית בת אסתר ניסל, וכל יוצאי חלציהם

## סוכות

# וואלקענעס פון כבוד

**פרנס השבוע**

לע"נ

ר' פנחס בן ר' יעקב ע"ה

ר' ישכר דוב בן ר' יעקב נפתלי ע"ה

לרפואת שלימה

**יהודא בן רחל** בתושח"י

לע"נ

מרת רחל בת ר' שלמה ע"ה

צו מנדב זיין רופט:

**347.451.0332**

אימעילט: Director@torasavigdor.org

# סוכות

שנה ד׳

# וואלקענעס פון כבוד

### תוכן:

חלק א. פארשטיין דעם יום טוב סוכות - חלק ב. זען סוכות - חלק ג. באשיצט דורך סוכות - חלק ד. סוכות פון הימל

## חלק א. פארשטיין דעם יום טוב סוכות

### השפעות פון יום כיפור

ווען אין בין געווען אין ישיבה אין סלאבאדקע - א לאנגע צייט צוריק - אינעם טאג נאך יום כיפור, אינדערפרי, האט דער ראש ישיבה גערעדט אפאר ווערטער צו די בני ישיבה. מיר האבן זיך דאן געגרייט צו אהיימפארן; טייל פון אונז זענען פארבליבן אבער מערסטנס בחורים זענען אהיימגעגאנגען צו זייערע היימשטעט אויף יום טוב, און דאס וועט זיין דער לעצטער שמועס וואס מיר וועלן הערן פונעם ראש ישיבה ביז חודש חשון.

אלזא, מיר האבן זיך אויפגעבויעט דורכאויס דעם חודש אלול א גרויסער בנין פון דעת; א ריזיגע געביידע פון יראת השם און פארשטאנד. ספעציעל איז עס געווען אזוי אין די דאזיגע ישיבות וואו מ'האט אפגעגעבן צייט אויף מוסר. דריי מאל א וואך האבן מיר געהערט לאנגע שמועסן און אין אלול איז עס געווען נאכמער. און דאס דאווענען אין ישיבה האט אודאי געלאזט א מורא'דיגער רושם. און דאן איז געקומען ראש השנה, און דערנאך יום כיפור. ביז מען איז אנגעקומען ביים סוף פון נעילה זענען מיר שוין געווען געווען גענצליך אנדערע מענטשן; יום כיפור האט אונז איבערגעדרייט.

איך וועל אייך דערציילן אן עפיזאד. איך געדענק, אין א מוצאי יום כיפור בין איך געגאנגען מיט מיין חברותא צו מיין סטאנציע צו עסן; מיר זענען געזעסן אינאיינעם ביים טיש, צוויי חברים. מיר האבן נישט ארויסגערעדט קיין ווארט דורכאויס די גאנצע סעודה וואס מיר האבן געגעסן צוזאמען. די איבערלעבעניש פון יום כיפור האט געמאכט אזא געוואלדיגער רושם אויף אונז און קיינער וועט נישט עפענען זיין מויל צו לאזן צעגיין אט דעם געפיל. מיר זענען געזעסן דארט אין א גענצליכע שטילשווייגעניש.

### געביידעס קענען צוזאמפאלן

און דאן, דעם קומענדיגן אינדערפרי נאך שחרית האט דער ראש ישיבה גערעדט צו אונז. ״איר האט אלע זייער פיל געהארעוועט אום ראש השנה און יום כיפור,״ האט ער געזאגט, ״איר האט

אריינגעלייגט אייער גאנצע הארץ אין אייערע תפילות אין ישיבה און איר זענט געווארן דערהויבן און אנגעווארעמט; איר זענט אנגעקומען צו אן אומשאצבארע דערגרייכונג. צו דאוועגען אין א גוטן ארט דורכאויס די דריי טעג איז גלייך צו דריי חדשים פון לערנען.

"אבער עס איז וויכטיג יעצט אז איר זאלט שטיין אויף די וואך," האט ער געזאגט, "ווייל באלד ווען איר וועט אהיימגיין, וועט קומען דער יום טוב סוכות און דערנאך שמחת תורה; דארפט איר זיך אפהיטן פון ליצנות." ליצנות מיינט לייכטזיניגקייט, נישט טראכטן. ער האט אונז נאכגעזאגט די באקאנטע ווערטער פון מסילת ישרים אז ליצנה אחת דוחה מאה תוכחות - איין ליצנות קען איינווארפן אן אויפגעבויעטער טורעם, א הויכע געביידע, פון איבער הונדערט תוכחות.

תוכחה מיינט לערעס; לערעס אין דעת, אין שכל, אין יראת שמים. אצינד, אפילו איין תוכחה איז מער ווערד ווי דיאמאנטן, אבער לאמיר זאגן דו גייסט ערגעץ צו הערן הונדערט שיעורים אויף יראת שמים. הונדערט תוכחות מיינט אז דו ביסט אן עושר! דו פארמאגסט יעצט א ריזיגער הויכער בנין, עס קען דיר אריינברענגען אסאך פארדינסטן; א הויכער בנין פול מיט דעת.

אבער דער מסילת ישרים זאגט אונז אז איין ליצנות קען מאכן אז די גאנצע געביידע זאל זיך געבן א טרייסל און איינפאלן. איין אומבארעכנטער וויץ קען איבערווארפן די רעזולטאטן פון הונדערט צייטן פון ערנסטע מחשבה. ווען א מענטש ווערט לייכטזיניג און נאריש דאן פאלן אוועק אלע זיינע געוואלדיגע השגות און זיי ווערן צענישט.

## לייכטזיניגע דערלייגונג

און דערפאר איז וויכטיג יעצט צו זיין אויף די וואך, ווייל יעצט הייבט זיך אן יום טוב; פיל טעג פון שמחה ביז שמחת תורה. און עס ווענדט זיך ווי אזוי מ'טוט עס פייערן. אויב וועט עס זיין אן אינהאלטספולע פייערונג, לשם שמים, זייער גוט. אודאי וועט איר עסן גוטע מאכלים. איר וועט זיין פריילין; איר וועט אויך זינגען און טאנצן. **קוֹל רִנָּה וִישׁוּעָה בְּאָהֳלֵי צַדִּיקִים** - אין די היימען פון די צדיקים איז דא א קול פון געזאנג און פרייד. ווער דען זאל זיין פריילין אויב נישט די וועלכע היטן די תורה? אבער אויב ווערט מען פארשלעפט צו הפקירות, ווילדקייט און נארישע לייכטזיניגקייט, דאן וועלן אלע מדריגות וואס איר האט קונה געווען יום כיפור פארלוירן גיין.

איך געדענק, אין א געוויסע שטיבל פלעגן זיי ווארפן נאסע האנטוכער איינער אויפ'ן צווייטן שמחת תורה; נאסע האנטוכער שמחת תורה! ס'איז דא א מצוה צו מאכן האנטוכער נאס אום יום טוב? ס'איז א שאלה צי ס'איז מותר בכלל. אבער זיי האבן זיך געווארפן נאסע האנטוכער איינער אויפ'ן צווייטן.

ווען איך בין געווען זיבעצן יאר אלט בין איך אמאל ארויפגעגאנגען דוכענען ביי ברכת כהנים שמחת תורה, און א געוויסער אלטער איד איז געשטאנען נעבן מיר. ווען ער האט געדארפט צו זאגן די ברכה פון ברכת כהנים, האט ער געזאגט, "ברוך אתה ה'," און אנשטאט צו זאגן "אשר קדשנו", האט ער געזאגט "שהכל נהיה בדברו". ער האט אויפגעהויבן זיין טלית און געוויזן אז ער טרינקט א גלעזל שנאפס. אין אנוועזנהייט פונעם גאנצן ציבור האט ער אראפגענומען זיין טלית, געמאכט א שהכל און געטרונקען שנאפס!

עס זענען דא אלע סארט ליצנות וואס מ'פלעגט טון און מענטשן האבן פארלוירן אלעס וואס זיי האבן זיך אויפגעבויעט. דאס איז א טראגעדיע; יום כיפור איז זייער א טייערער אייגנטום און מיר דארפן אנהאלטן אין די השפעות ווי לאנג עס איז מעגליך.

## יעדער איז קונה

אלזא, טייל מענטשן קענען טראכטן אז זיי האבן סיי ווי נישט דערגרייכט צופיל אום יום כיפור. זיי האבן זיך צוגעהערט צום חזן, די ניגונים, און געקוקט אויפ'ן זייגער ציילנדיג וויפיל שעה עס איז דא ביז נעילה; קען זיין דו האסט געטראכט וואס עס איז דא צום אויספאסטן.

אבער רבותי, איר דארפט וויסן אז אפילו דער פשוט'סטער איד ווערט געטוישט אום יום כיפור. בלויז צו זיצן צווישן פרומע אידן א גאנצן טאג איז א ברכה. אויב געפינסטו זיך אין א פרומע שול צווישן פרומע אידן א גאנצן טאג, דאס איז שוין א דערגרייכונג. צוליב דעם אליין איז ווערד צו קומען אין שול; בלויז אויף דעם אליין. אפילו אויב דו האסט נישט געדאווענט קיין איינציגע ווארט.

אבער דו האסט אויך געדאווענט; דו האט פארברענגט א גאנצן טאג רעדנדיג לשון הקודש. האסטו אמאל אריינגעטראכט וואספארא פארדינסט עס איז צו רעדן לשון הקודש א גאנצן טאג? אויב דער באשעפער האט געמאכט א שפראך, האט ער געמאכט יעדן אות מיט א טיפע כוונה. עס הערט זיך ווי קבלה, אבער דאס איז זעלבסט פארשטענדליך; דער באשעפער טוט נישט קיין זאכן סתם, אלעס האט חכמה דערין. איז אלזא יעדן אות פון די אלף בית געמאכט געווארן מיט א צוועק; ס'איז א שפראך וואס טוישט אונזער נשמה, עס פארעמט אויס די נשמות פון די וועלכע רעדן די שפראך. איך רעד נישט פון (להבדיל) עברית וואס זיי רעדן אין תל אביב. איך רעד פון די הייליגע שפראך פון באשעפער וואס שטייט אין מחזור, אין תנ"ך.

דורכאויס דעם גאנצן לאנגען טאג האסטו גערעדט לשון הקודש, און געזאגט פיוטים וואס זענען געשריבן געווארן דורך הייליגע לייט. אויסער וואס עס ענטהאלט ווערטער פון תהלים, זענען די פיוטים וואס מיר זאגן געשריבן געווארן דורך דורך גדולי ישראל, געוועגליכע מענטשן האבן נישט געשריבן אזעלכע פיוטים נאר גרויסע צדיקים און תלמידי חכמים. און זיי האבן אריינגעאטעמט אין די דאזיגע פיוטים א גאנצע וועלט פון קדושה. איז צו זאגן די ווערטער אליין, אפילו אויב דו ביסט אן עם הארץ און דו פארשטייסט נישט דעם באדייט פון די ווערטער, בלויז עס צו זאגן, טוען די ווערטער איבערארבעטן דיין נשמה.

## באשיצן דעם וואלקען קראצער

דער אמת איז אז דו האסט קונה געווען פיל מער ווי דאס. אום יום כיפור, וואס טוסטו? א גאנצן טאג טוסטו אויסרופן אז ווער וועט זיין דער שרייבער פון דיין גליק? ווער איז דער וואס וועט באשיצן דיר און דיין פאמיליע א גאנץ יאר? נאר דער באשעפער. **וּכְתוֹב לְחַיִּים טוֹבִים** - ער איז דער וואס וועט דיר געבן א גליקליך לעבן. **בְּסֵפֶר חַיִּים בְּרָכָה וְשָׁלוֹם וּפַרְנָסָה טוֹבָה** - ער איז דער איינער! אלע דיינע ווערטער אום יום כיפור ווייזן אן אויפ'ן באשעפער און דו ווערסט באאיינפלוסט. דו ווייסט וואספארא חינוך דאס איז? דו ביסט זיך אליין מחנך אויף בטחון, פארלאזנדיג זיך בלויז אויף אים. ער איז אונזער באשיצונג. אום יום כיפור שטייט איר א גאנצן טאג און קויפט זיך איין א שטארקע באוואוסטזיניגקייט אז אלעס וואס מיר פארמאגן - אונזער לעבן, אונזער געזונט, אונזער אייגנטום, אונזער אלעס - קומט פון באשעפער.

דאס איז פארמעגן! ס'איז א הויכער בנין פון דעת וואס דו האסט זיך אויפגעבויעט. און דערפאר, ווען יום כיפור גייט פארביי, ביסטו שוין נישט דער זעלבער מענטש. דו האסטו זיך דורכדרינגליך געטוישט. יעדער ווערט איבערגעארבעט דורכאויס יום כיפור.

און דאס איז פארוואס נאך יום כיפור דארפן מיר זיין זייער פארזיכטיג, ווי ווייט מעגליך, צו אנהאלטן אלעס וואס מיר האבן קונה געווען אין דעם גרויסן טאג. עס קען זיין אז געוויסע מענטשן באמערקן נישט דעם טויש ווייל עס ווערט גלייך פארלוירן. אפילו אויב דו ווארפסט נישט קיין נאסע האנטוכער, אבער אויב גייסטו צוריק צו דיין געווענליכע לעבן, אן עולם הזה'דיגע לעבן, א לעבן אן מחשבה, דאן ווערט עס פארלוירן. און דאס איז א טראגעדיע. ווען מענטשן זענען מצליח אין אזא טאג און זיי פארדינען אזויפיל גוטע זאכן, אזויפיל געוואלדיגע השגות, איז עס א טראגעדיע אויב זיי פארנאכלעסיגן עס אנצוהאלטן. און דאס איז פארוואס סוכות קומט גלייך נאך יום כיפור.

## סעזאן פלאנירונג

ביי מעריב זאגן מיר, "**משנה עתים**", דער באשעפער טוישט די צייטן. אלזא, אינעם פלאן וואס מיר רופן אן "נאטור", פארשטייען מיר ווי אזוי די סעזאנען פאלגן נאך א צוועקפולן סדר און זיי האלטן אין עקזיסטענץ און ברענגען נוצן פאר די וועלט דורך נאכפאלגן א געוויסן סדר. מיר האבן שוין אמאל גערעדט דערפון; די פארדינסטן פון נאכט וואס פאלגט נאך דעם טאג און פון די סעזאנען וואס טוישן זיך.

צום ביישפיל, אצינד קומט דער סעזאן הערבסט; די בלעטער טוישן קאלירן און באלד וועלן זיי אראפפאלן פון דיביימער. ס'ליגט אין דעם א גרויסע פארדינסט וואס איז אויסגעפלאנט געווארן דורכ'ן באשעפער. אין די זומער דארף מען האבן די בלעטער; זיי שטעלן אונז צו שאטן פון די הייסע זון און זיי אטעמען אריין קוילנשטאף (קארבאן דיאקסייד) פון די לופט צו מאכן די ביימער שטארקער און געזונטער.

אבער אין הערבסט איז די צייט וואס די ביימער הערן אויף צו וואקסן; מ'דארף אצינד נישט האבן די בלעטער פאר א שאטן און די ערד דארף אפרו דורכאויס די ווינטער חדשים צו אויפפרישן זייער ענערגיע און דערפאר, פאלן די בלעטער אראפ און די מאטריאלן וואס זענען גענוצט געווארן צו ערציילגן די בלעטער ווערן יעצט אומגעקערט צו די ערד אין פארעם פון באמיסטיגונג וואו זיי וועלן איבערגעארבעט ווערן צו ענערגיע פאר די פלאנצונגען אויף די קומענדיגע יאר. יעדער סעזאן, איינער נאך דעם אנדערן, האט זיינע פארדינסטן וואס זענען אויסגעפלאנט געווארן דורך דעם גרויסן דעזיינער.

און פונקט אזוי איז מיט'ן סדר ווי אזוי דער באשעפער האט אויסגעשטעלט די מועדים - די רייע פון אלע מועדים זענען אויספלאנירט פאר אונזער טובה. אודאי, אונזערע קליינע מוחות זענען נישט פעאיג צו דערגרונטעווען די טעמים אין די תורה, אבער אין א געוויסן מאס פארשטייען מיר דעם געוואלדיגן פלאן פון האבן דעם יום טוב סוכות נאך יום כיפור. מיר פארשטייען אז סוכות איז אויספלאנירט געווארן דורכ'ן באשעפער צו באפעסטיגן די דערגרייכונגען צו וואס מיר זענען אנגעקומען אום יום כיפור און צו שטייגן ווייטער אויף דעם.

## העכער ווי די מצוות

וואס דאס מיינט איז, אז דאס איז די צייט ווען מיר דארפן קונה זיין אן אויסשלייפונג אין הרגשה, א באוואוסטזיניגקייט און געפילישער פארשטאנד אז מיר טוען פאקטיש לעבן אונטער דעם באשעפער'ס באשיצונג. ס'איז אזוי וויכטיג אויסצוניצן דעם יום טוב סוכות ריכטיג.

אלזא, אודאי אויב ביסטו סתם א פשוט'ער פרומער איד, דו האסט געבויעט א סוכה וואס איז

כשר און דו האסט אלע אנדערע צוגעהערן, דו ביסט מקיים אלע מצוות פון סוכות, וועלן מיר דיר נישט קריטיקירן. אבער דאס איז נישט דער עיקר דערגרייכונג פון סוכות.

דער חובות הלבבות ערקלערט אז אלע מצוות פון די תורה זענען געגעבן געווארן מיט א העכערן ציל. וואס איז העכער ווי א מצוה? דאס פנימיות פון די מצוה! צו קונה זיין א פארשטאנד איבער וואס די מצוה דערציילט דיר. די מצוות לערנען דיר א געוויסע סארט חכמה און דו פארשטייסט עס שארפער דורך מקיים זיין די מצוה. און ס'איז די דאזיגער פארמעגן אין פארשטאנד וואס וועט זיין די עיקר דערגרייכונג פון סוכות. אודאי, עס וועט זיך וויפיל כוחות דו וועסט אינוועסטירן אין די מצוה אבער די געלעגנהייט פון ניצן די סוכה צו בויען דערמיט איבער דעם הויכן בנין וואס דו האסט אויפגעבויעט אום יום כיפור, איז צוגענגליך פאר אלע פון אונז.

# חלק ב. זען סוכות

## נידערן דעם דאך

ס'איז דא א דין אין די משנה, **סֻכָּה שֶׁהִיא גְּבוֹהָה מֵעֶשְׂרִים אַמָּה פְּסוּלָה**. ווען דו בויעסט א סוכה, קען עס נישט זיין העכער ווי צוואנציג אמות. אויב די סכך ליגט מער ווי צוואנציג אמות הויך פון די ערד, דאן איז די סוכה פסול.

אלזא, איר וואלט געקענט טראכטן אז ווי העכער די סוכה איז, אלץ מער איז די הידור מצוה; וואס גרעסער די סוכה, אלץ בעסער. ס'איז מער באמבאסטיש; פארוואס נישט? אבער דער תנא זאגן,ניין; ס'טאר נישט זיין העכער ווי צוואנציג אמות - וואס דאס איז בערך דריי שטאק הויך. פרעגט זיך די שאלה - פארוואס איז עס אזוי? פארוואס טאר איך נישט בויען זייער א הויכע סוכה?

און דער ענטפער איז אז עס שטייט אין די תורה - ס'איז זייער א וויכטיגער מוסר השכל וואס מיר לערנען יעצט - אז דער צוועק פונעם אריינגיין אין די סוכה פאר זיבן טעג איז **לְמַעַן יֵדְעוּ** דֹרֹתֵיכֶם - כדי אייערע דורות זאלן וויסן, **כִּי בַסֻּכּוֹת הוֹשַׁבְתִּי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל** - אז איך האב געמאכט די אידישע קינדער וואוינען אין סוכות, **בְּהוֹצִיאִי אוֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם** - ווען איך האב זיי ארויסגענומען פון לאנד מצרים (ויקרא כג:מג). דאס מיינט, אז דו זיצסט אונטער די סכך כדי צו ווערן דערמאנט אין עפעס; צו געדענקען ווי אזוי מיר זענען געזעסן אין סוכות, אין געצעלטן, דורכאויס פערציג יאר אין מדבר.

און כדי צו וויסן דעם צוועק פון די סכך דארפסטו עס זען. זייער א וויכטיגע נקודה! די סכך איז דארט פאר דיר צו זען, **לְמַעַן יֵדְעוּ**, דיר צו לערנען דעת, דיר צו דערמאנען וואס איז פארגעקומען אין מדבר. און אויב עס איז צו הויעך, אויב איז עס העכער ווי צוואנציג אמות, דאן דארפסטו אויסציען דיין האלז. דו וועסט עס אפשר נישט טון און דו וועסט דערלייגן צו זען די סכך; דאס מיינט אז דו דערלייגסט דעם גאנצן צוועק פון די סוכה. אבער אונטער צוואנציג אמות קענסטו עס גרינג זען און דאס איז וואס דער באשעפער וויל פון אונז. און ווי מער מיר קוקן, אלץ בעסער.

## גלענצנדע יארן

אלזא, פיל מענטשן קענען די דאזיגע משנה - נאך אלעם איז דאס די ערשטע משנה אין מסכת סוכה - אבער מיר דארפן זיך גוט צוהערן צו דעם דין. דאס איז א געוואלדיגע לערע און זייער פיל מענטשן טראכטן נישט גענוג דערפון; דער באשעפער ערווארט פון אונז צו כאפן א בליק אויף די

סכך. און ווען דו קוקסט אויף די סכך, דארפסטו וויסן וואס דו זעסט. אויב דו קוקסט ארויף אבער דו וייסט נישט אויף וואס דו קוקסט, איז עס א שאד. דו קוקסט, לְמַעַן יֵדְעוּ, כדי צו קונה זיין דעת איבער די פערציג יאר ווען דער באשעפער האט אונז געהאלטן אין מדבר.

אצינד לייגט צו קאפ ווייל דאס איז נישט אזוי פשוט. דער רמב"ם שרייבט די פאלגנדע ווערטער אין זיין ספר מורה נבוכים (ג:נ): "די גרעסטע פון אלע ניסים וואס אונזער פאלק האט סיי ווען דורכגעלעבט," זאגט ער, "איז די פערציג יאר וואס דאס אידישע פאלק האט פארברענגט אין מדבר." ער זאגט נישט אז יציאת מצרים. ער רעדט אפילו נישט פון מתן תורה. בלויז צו לעבן פערציג יאר אין מדבר - א פאלק פון צוויי מיליאן, דריי מיליאן מענטשן - דאס איז דער גרעסטער נס פון אלעם.

## שטורעמס, קרענק און הונגער

אלעס האט געקענט פאסירן. אין א מדבר זענען דא זאמד שטורעמס וואס קענען באגראבן מענטשן. און רעגנס; עס קענען באפאלן פלוצלינגדיגע גאס רעגנס און מאכן פארפלייצונגען וואס דערטרינקען מענטשן. דאס פאסירט געווענליך אין מדבריות - בליץ שנעלע פארפלייצונגען וואס דערטרינקען גאנצע קאראוואנען.

אלע סארטן קרענק קורסירן ארום אין מדבר לאגערן. ווען מענטשן וואוינען צוזאמענגעשטופט אין איין קליינער פלאץ, עס פעלט נאר אויס איין מענטש זאל קראנק ווערן און עס פארשפרייט זיך א מגיפה. עס פארט בליץ שנעל ארום איבער דעם גאנצן לאגער און הרג'ט מענטשן. און דאך, עס האט גארנישט פאסירט! קיין שום מחלה האט זיך נישט אריינגעכאפט צווישן די אידן!

און וואס איז מיט עסן? א פאלק פון מיליאנען מענטשן און זיי האבן נישט געהאט קיין פעלדער צו באארבעטן; וואס וועלן זיי עסן? זיי וואלטן געדארפט הונגערן צום טויט אין מדבר! וואו וואלטן זיי געטראפן עסן? אפילו וואסער האבן זיי נישט געקענט געפינען. עס איז געווען אומגלויבליך אז א פאלק פון מער ווי צוויי מיליאן מענער, פרויען און קינדער זאלן עקזיסטירן אין אן ארט וואו עס איז גארנישט געוואקסן.

## ארומגענומען מיט פיינט

און זיי זענען אויך געווען ארומגענומען מיט פיינט. מיר ווייסן אז אויף איין זייט איז געווען מצרים. די מצריים האבן אזויפיל געליטן צוליב די אידן און זיי זענען געווען אנגעפילט מיט שנאה און כעס אויף זיי. אלע אנדערע פעלקער - אדום, מדין, עמלק - האבן אונז מקנא געווען און מורא געהאט וואס מיר וועלן טון די קומענדיגע זאך; זיי האבן אונז געוואלט פארטיליגן.

און יעדער האט געוואוסט אז מיר האבן ארויסגעברענגט כסף וזהב, דאס גאנצע פארמעגן פון מצרים. למעשה, אויב וואלטן מיר געהאט באפעסטיגטע שטעט אין מדבר; הויכע ווענט און מענטשן וואס שטייען אויף די מויערן מיט פייל און בויגן גרייט צו שיסן צום שונא, מילא. אבער מיר האבן גארנישט געהאט בכלל.

איך געב אלעמאל דעם זעלבן משל. לאמיר זאגן דו גייסט צו די געגנט פון די שווארצע אין הארלעם אדער בעדפארד סטייוועסענט און דו שטעלסט אויף א געצעלט אויף א ליידיגן שטח און דו ווילסט דארט שלאפן ביינאכט. און יעדער, די אלע מענטשן וואס וואוינען דארט, ווייסן אז דו האסט א הויפן מיט געלט אין דיין געצעלט. וואספארא מעגליכקייט האסטו עס דורכצולעבן?

און דאס איז נישט געווען איין נאכט. ס'איז נישט געווען א חודש אדער אפילו א יאר. דאס האט

זיך אפגעשפילט דורכאויס פערציג יאר! איר ווייסט וואס עס מיינט צו לעבן פערציג יאר אין מדבר וואו עס איז נישטא קיין עסן און וואסער און וואו דער געפאר לאקערט אויף דיר יעדן מאמענט?! און דאך איז דאס פאלק פון מיליאנען געווען באשיצט און זיי האבן עס דורכגעלעבט!

## באשיצט דורך דער אלמעכטיגער

און וואו האבן זיי געלעבט? נישט אין ארומגעמויערטע שטעט. נישט אין הייזער. זיי זענען געווען אין סוכות. א סוכה איז א וואקלדיגע קליינע געביידע. מען שטעלט אויף אפאר דינע ווענט, מען לייגט אפאר שטאנגען פון אויבן, אדער סיי ווי אזוי, און געענדיגט. דאס איז א באשיצונג?! ס'איז כמעט גארנישט בכלל.

דער פאקט איז אבער אז עס איז געווען די ווירקזאמסטע באשיצונג. איר ווייסט פארוואס? ווייל די סוכה איז גארנישט געווען. ס'איז בלויז געווען אן אנשטעל. ווער האט זיי באמת באשיצט? נאר דער באשעפער. העכער זייערע קעפ האבן זיי געזען די ענני הכבוד, די וואלקענעס פון דעם באשעפער'ס כבוד, און זיי האבן געוואוסט אז עס איז בלויז דער באשעפער. יעדע נאכט האבן זיי געקענט זען א פייערדיגער וואלקן איבער זייערע קעפ!

יעדן טאג און נאכט פאר פערציג יאר האבן זיי עס געזען! און זיי האבן געלערנט א וויכטיגער מוסר השכל; אז אונזער איינציגע באשיצונג אויף די וועלט איז דער באשעפער. פאר פערציג יאר האבן זיי איבערגעלערנט די לערע און עס איז אריינגעדרונגען אין זייערע ביינער.

## די בעסטע צייט אין היסטאריע

אין מדבר האט כלל ישראל געהאט די בעסטע צייט אין אונזער היסטאריע. די אידן זענען אויסגעארבעט געווארן דורך זיך געפינען אין די מחנה; זיי זענען געשטיגן גאר הויך. וואספארא געוואלדיגע איבערלעבעניש איז דאס געווען! געוויסע מענטש טראכטן אז עס איז געווען שרעקליך צו זיין אין מדבר; זיי שוינען די מענטשן וואס זענען געווען אין מדבר. אה ניין! פונקט פארקערט, איר דארפט זיי מקנא זיין. דאס איז געווען די צייט ווען עס האט זיך געלוינט צו לעבן. ס'איז א שאד אז מיר זענען נישט דארט געווען. דאס איז ווי אזוי מיר דארפן שפירן. 'אה, הלואי וואלט איך געווען אינעם דור המדבר. אה! צו זיין יעדן טאג אונטער די ענני הכבוד.' ס'איז אריינגעזעצט געווארן אין זייערע הערצער אויף אייביג. אזוי זענען זיי געווארן דער דור דעה; זיי זענען געווען דער דור וואס האבן געוואוסט פון באשעפער מער ווי סיי וועלכער דור.

למעשה, אויב ביסטו א מענטש וואס האט ליב תענוגים, אויב זוכסטו צו פארברענגען געשמאק, אין מדבר איז נישט געווען דער פלאץ פאר דעם, דאס איז זיכער. **וְנַפְשֵׁנוּ קָצָה בַּלֶּחֶם הַקְּלֹקֵל** (במדבר כא:ה)! אויב וואלטסטו געווען איינער וואס איז א בעסערער מענטש וואס איז צוגעוואוינט צו לוקסוס, וואלט דיר נמאס געווארן די טעגליכע דיעטע, אלעמאל די זעלבע זאכן. וואלסט מיד געווארן פון וואוינען צעשטופט אינעם לאגער וואו אפאר מיליאן מענטשן האבן געוואוינט זייט ביי זייט אין צוזאמגעשטופטע געצעלטן.

אבער פאר די וועלכע האבן געוואוסט אז זיי געפינען זיך אויף די וועלט בלויז מיט איין ציל, צו קונה זיין שלימות אין השגות, פאר זיי איז נישט געווען עפעס בעסער ווי צו וואוינען אונטער די ענני הכבוד. אויב האט א מענטש געזוכט שלימות, אויב האט ער געוואלט שטייגן, איז נישט געווען קיין שום פלאץ אין די וועלט וואס האט געקענט זיין בעסער דערפאר. צו לעבן אין א לאגער וואס

איז געווען פארזיכערט ווייל זיי זענען געווען ארומגענומען מיט א סוכה - איבער'ן קאפ די ענני הכבוד, די וואלקענעס פון די אנוועזנהייט פון באשעפער - באשיצט זיי, דאס האט איבערגעמאכט א מענטש מער ווי לערנען הונדערט ספרים אויף יראת שמים.

## געדאנקען אין די סוכה

און דאס איז וואס מיר פראבירן צו טון ווען מיר קומען אריין אין אונזערע סוכות. מיר פראבירן צוריק אריינצוברענגען אין זיך דעם געפיל. ווען עס קומט דער יום טוב סוכות און מיר שפאנען אריין אין די קליינע געביידע וואס מיר האבן אויפגעשטעלט און מיר קוקן ארויף אויף די סכך - און ווייל דו האסט געלערנט דעם היינטיגן שיעור וועט איר געדענקען אז די סכך פראבירט דיר צו לערנען עפעס; יעדער רעדט, מ'קוקט אויף די נוי סוכה, מ'טרעפט זיך א פלאץ אריינקוועטשנדיג זיך אין די קליינע סוכה, זייער גוט, זייער גוט. אבער דו טראכסט; דו קוקסט ארויף אויף די סכך און דו טראכסט.

'אמאל זענען אונזערע אור-עלטערן געזעסן אין קליינע געביידעלעך אזוי ווי דאס, פאר פערציג יאר. און זיי זענען געווען די פארזיכערסטע, די מערסטע באשיצט פון יעדן דור אין אונזער היסטאריע, ווייל זיי האבן געהאט די ענני הכבוד; זיי האבן געהאט דעם באשעפער וואס האט זיי באשיצט. אין מדבר איז גארנישט געווען אויסער סכך איבער'ן קאפ און דאך זענען זיי געווען מער פארזיכערט אין מדבר ווי סיי ווען שפעטער אין אונזער היסטאריע.'

דאס איז פארוואס די חז"ל זאגן אונז אז ווען מיר קוקן אויף די פארקרומטע סכך, באגלייט מיט די מחשבה אז מיר זענען געווען באשיצט דורך אזא שוואכע באדעקונג, דארפן מיר פארשטיין אז די סכך איז א דוגמא, א ביישפיל פון די ענני הכבוד, פון די וואלקענעס איבער די אידן'ס קעפ אין מדבר.

## קדושה איבער'ן קאפ

אצינד ווייסט איר דעם טעם פארוואס עס טאר נישט זיין א **דבר מקבל טומאה**; יעדער ווייסט אז סכך טאר נישט געמאכט ווערן פון פירות, פון קיין שום זאך וואס מ'קען עסן, אדער סיי וועלכע כלי וואס איז א מקבל טומאה. פארוואס איז דאס אז די סכך איז פסול אויב ס'ווערט געמאכט פון א דבר המקבל טומאה?

למעשה, איך האב נישט די מעגליכקייט אייך צו זאגן די סודות פון באשעפער, אבער מיר קענען גרינג פארשטיין אן אויבערפלעכליכע ערקלערונג. ווייל די סכך דערמאנט אונז פון עפעס זייער, זייער הייליג; עפעס וואס איז קדוש. ס'דערמאנט אונז פון די שכינה איבער אונז. מיר קענען נישט מאכן די שכינה טמא!

און אזוי זיצט איר אין די סוכה און איר קוקט אויף די סכך און איר טראכט, 'די סוכה איז גאנץ א וואקלדיגע באשיצונג. ס'איז נישטא קיין פעסט-געבויעטע דאך. ס'איז נישטא קיין מעטאלענע טיר. ס'איז גארנישט דא. ס'איז בלויז סכך. יעדער קען ארויפקריכן און אריינטאנצן אין די סוכה דורך די סכך, חס ושלום. אזוי זענען זיי געזעסן דורכאויס פערציג יאר אינעם געפארפולן מדבר?!'

יא! ווייל זיי האבן געהאט די ענני הכבוד, די שכינה, וואס האט זיי באשיצט. דאס איז וואס מיר געדענקען אום סוכות. לְמַעַן יֵדְעוּ - דאס איז די וויכטיגסטע לערע פון וואס צו טראכטן ווען איר זיצט אין די סוכה. די איינציגסטע ווירקליכע באשיצונג איז דער באשעפער. משה רבינו האט אונז געפירט - מיר האבן געהאט אהרן הכהן און יהושע און מרים און נאך אנדערע צדיקים - אבער ס'איז געווען דער באשעפער וואס איז געשטאנען און באוואכט דאס אידישע פאלק.

# חלק ג. באשיצט דורך סוכות

## אויף אייביג באשיצט

למעשה, דאס איז זייער א וויכטיגע נושא אבער איר דארפט וויסן אז דאס איז בלויז דער אנהייב - מיר האבן בלויז אנגערירט די אויבערפלאך דערפון. ווייל די סוכה איז נישט בלויז א דערמאנונג אויף די פארגאנגענהייט; דאס איז אויך א לימוד אויף היינט און אויפ'ן צוקומפט אויף אייביג. ווייל מיר גייען אצינד לערנען אז די סוכה אין וואס מיר גייען אריין אינעם יום טוב סוכות איז נישט בלויז מיט'ן צוועק אונז צו דערמאנען איבער די ענני הכבוד אין מדבר, נאר פונקט אזוי וויכטיג דערמאנט עס אונז אז מיר ווערן באשיצט דורכ'ן באשעפער'ס וואלקענעס איבער אונז אויך יעצט.

בשעת מיר זיצן אין די סוכה און מיר קוקן ארויף אויף די סכך און מיר טראכטן, 'אין צוגאב צום פאקט אז דער באשעפער האט אונז באשיצט אין מדבר - אן קיין באפעסטיגטע שטעט זענען מיר דאן געווען מער פארזיכערט ווי סיי ווען אין אונזער היסטאריע - קוק איך ארויף צו די סכך און איך דערמאן זיך פון די ענני הכבוד וואס געפינען זיך איבער אונז אויך יעצט.' ווען איר הייבט אויף אייערע אויגן צו די סכך, דארפט איר דאס טראכטן. דאס איז די לערע. 'איך דערמאן זיך פון די ענני הכבוד וואס זענען איבער אונז יעצט! אפילו אין אונזער דור ווערן מיר באשיצט דורך דעם באשעפער'ס וואלקענעס פון כבוד!'

## מיר קענען נישט טוישן וואוינארט!

דאס איז דער באדייט פון דעם אויסדריק אויפ'ן באשעפער '**המקום**'. יעדער קען דעם נוסח, "המקום ינחם אתכם..." און נאך לשונות זענען פארהאן וואו עס ווערט דערמאנט 'המקום' אלס דעם באשעפער'ס נאמען.

פארוואס רופט מען אן דעם באשעפער 'המקום' וואס איז טייטש 'דער פלאץ'? ווייל עס איז נישטא קיין פלאץ וואו דער באשעפער געפינט זיך נישט. ער איז דער 'מקום' פון די וועלט. נישט אז ער איז 'אין די וועלט', נאר די וועלט איז אין אים! ער איז דער פלאץ. מיר לעבן אין אים. איר מיינט אז איר לעבט אין א הויז? ניין! איר לעבט אין באשעפער! בפרט דאס אידישע פאלק טוט לעבן אין באשעפער. ער איז אונזער היים! אפילו אויב איר ציט זיך אריבער, צום ביישפיל פון ברוקלין קיין לעקוואוד אדער פון בארא פארק קיין וויליאמסבורג, ציט איר זיך נישט אריבער צו אן אנדערן פלאץ. איר זענט דארט וואו איר זענט אלעמאל געווען. איר זענט געווען פריער אין באשעפער און איר זענט יעצט אויך אין באשעפער!

און איר זאלט טראכטן איבער דעם ווען איר זיצט אונטער די סכך; יא, טראכט איבער דעם. **לְמַעַן יֵדְעוּ** - כדי איר זאלט וויסן. איר זאלט קונה זיין א באוואוסטזיניגקייט; א טאפעדיגע געפיל אז די שכינה איז אין אלע צייטן איבער אונזער פאלק. און די סכך איז דארט אונז צו העלפן קונה זיין אט די ידיעה אז דער באשעפער באוואכט אונז.

## באשיצט אין די סוכה

איך וויל נאכזאגן צוויי פסוקים אין תהלים (לא:יט, כא) דאס בעסער צו ערקלערן. עס רעדט זיך דארט פון ווען דוד המלך איז געווען ארומגענומען מיט שונאים וועלכע האבן גערעדט קעגן אים אויף אלע זייטן; דוד המלך רעדט איבער זיך אבער ער רעדט אויך אין נאמען פון אלע אידן. ער זאגט, "**תֵּאָלַמְנָה**

**שִׂפְתֵי שָׁקֶר** - אלע ליפן זאלן פארשטימט ווערן, **הַדֹּבְרוֹת עַל צַדִּיק עָתָק** - די וועלכע רעדן ליגנט קעגן דעם צדיק, **בְּגַאֲוָה וָבוּז** - מיט גרויסהאלטערישקייט און פארשעמונג, **תַּסְתִּירֵם** - דו, באשעפער, וועסט זיי באהאלטן; דאס מיינט, דו וועסט אריינגעמען אין באשיצונג דאס אידישע פאלק, **בְּסֵתֶר פָּנֶיךָ** - אין באהעלטעניש פון דיין פנים. דו וועסט זיי אפהיטן **מֵרֻכְסֵי אִישׁ** - פון די שלעכטס פון מענטשן.

ווי אזוי וועט דער באשעפער אונז באשיצן פון די שלעכטס פון מענטשן? **תִּצְפְּנֵם בְּסֻכָּה** - דו וועסט זיי באהאלטן אין די סוכה; דו וועסט זיי אפהיטן אין דיין סוכה **מֵרִיב לְשֹׁנוֹת** - פון דעם קריג פון די צינגען קעגן אונז.

## דורכלעבן אין די סוכה

דאס מיינט אז מיר לעבן אין א וועלט פון פיינט און נאר ווייל מיר לעבן אין באשעפער'ס סוכה טוען מיר עס דורכלעבן. מיר האבן אלעמאל געהאט פיינט וואס רעדן קעגן אונז, אלע סארטן שקרים. אלע סארטן אויסגעטראכטע מעשיות, א גאנצע צייט. די יו ען צום ביישפיל איז אפילו יעצט ארויסגעקומען מיט א דעקלעראציע אז מדינת ישראל איז שולדיג פאר שיסן די אראבער. אראבער זענען אומשילדיגע מענטשן, זיכער אזוי, די מערדערליכע אראבער, די סאמע ערגסטע, זענען אומשילדיגע שעפעליך און איזראעל איז שולדיג. זענען זיי אלע זיך צאמגעקומען און געמאכט א דעקלעראציע צו באשולדיגן איזראעל. און אונזער געטרייע פרעזידענט, מעגליך ער איז נישט געווען צו פרייליך דערוועגן, אבער ער האט זיך אויך באטייליגט.

יעצט איך בין נישט קיין גרויסע פאטריאט פון איזראעל, אבער מיר זעען אז די יו ען איז איין גרויסע פארזאמלונג פון אנטיסעמיטן. זיי האבן אפיו נישט ערלויבט איזראעל צו אריינקומען אין איינער פון זייערע קאמיטע'ן. קיין איין קאמיטע איז נישט געווען אפן פאר איזראעל צו ווערן א מעמבער.

נישט נאר אין די יו ען אויף אלע זייטן, אנטיסעמיטן זענען אייביג פארנומען. עס איז דא א ריזיגע ליטעראטור אנטיסעמעטיזם און עס איז אזוי פון די פריסטע צייטן.

עס דרייען זיך ארום אן א שיער באשרייבונגען פון אנטיסעמיטיזם און אזוי איז עס געווען אין אלע צייטן. און נאך אלץ זענען מיר דא. די פיינט וועלכע האבן אונז בארעדט זענען שוין פארשוואונדן געווארן. די גריכן זענען געווען די ערגסטע. יוסיפון ברענגט נאך פון פיל גריכישע שרייבערס און זייערע שקרים קעגן אונז. די גריכן האבן זיך קיינמאל נישט אפגעשטעלט פון שרייבן קעגן אונז און יעצט זענען זיי מער נישטא. גריכנלאנד פון היינט איז נישט גריכנלאנד פון אמאל. גריכנלאנד איז גענצליך פארלוירן געגאנגען. אלע זייערע אפגעטער זענען פארלוירן געגאנגען. זייער רעליגיע און קולטור זענען פארלוירן געגאנגען.

## מיר האבן אלעמען איבערגעלעבט

אדום האט אונז פיינט געהאט. מדין האט אונז פיינט געהאט. מואב האט אונז פיינט געהאט. און זיי זענען אלע א פארגאנגענהייט. בבל איז א פארגאנגענהייט און פרס איז א פארגאנגענהייט. זיי טוען אלע פארשווינדן ווערן איינע נאך די אנדערע. אבער מיר זענען נאך אלץ דא. ס'איז גוט צו הערן וואס א גוי זאגט איבער אונז. יעדער ווייסט וואס איך זאג אלץ נאך פון מארק טוועין. מארק טוועין האט געזאגט אז "דער איד שפאנט אויף די קברים פון זיינע אונטערדריקער." זיי זענען אלע פארגאנגען און מיר שפאנען אויף זייערע קברים.

ווי אזוי פאסירט אזא זאך? ווי אזוי איז דאס אז מיר רייזן דורך דעם מדבר פון פעלקער פאר אזויפיל יארן און מיר זענען באשיצט? דאס איז ווייל דער באשעפער האלט אונז אין זיין סוכה. איבער אונז געפינען זיך די ענני הכבוד און זיי באשיצן אונז פונקט ווי זיי האבן באשיצט אין מדבר. הַפּוֹרֵשׂ סֻכַּת שָׁלוֹם עָלֵינוּ וְעַל כָּל עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל - ער שפרייט אויס א סוכה פון פרידן איבער אונז; און דאס איז די איינציגסטע סיבה פארוואס מיר זענען נאך דא.

און דאס איז פון וואס מיר דארפן טראכטן ווען מיר זיצן אין סוכה; די סכך דערמאנט אונז אז מיר זענען אויף אייביג באשיצט דורכ׳ן באשעפער. בשעת איר זיצט אין די סוכה; יעדער רעדט, שמחת יום טוב, זייער גוט, פארוואס נישט.

פונדעסטוועגן, איר זענט אנדערש. איר זיצט און טראכט, ׳איך קוק אויף די סכך און איך ווייס אז עס איז ממש די ענני הכבוד איבער מיין קאפ. דער באשעפער איז יעצט איבער מיין קאפ. איך וועל דאס נישט זען ווי די אידן האבן עס געזען אין מדבר אבער ער איז איבער מיין קאפ, אויסדריקליך. און טראץ דעם פאקט אז אזויפיל פעלקער זענען אויפגעשטאנען קעגן אונז, צום סוף ווערן זיי אלע צענישט ווייל דער באשעפער איז מַצִּילֵנוּ מִיָּדָם. זיינע ענני הכבוד זענען מיט אונז אויף אייביג.

## יעדן׳ס פערזענליכע סוכה

אצינד וויל איך צולייגן נאך א נקודה. דער רמב״ם זאגט אונז א וויכטיגער כלל וואס איז נוגע פאר אונז אלע. ער זאגט אז די פאסירונגען וואס ווערן דערציילט אין די תורה איבער דאס גאנצע פאלק איז פונקט אזוי נוגע פאר יעדן מענטש באזונדער.

און דאס מיינט, אז פונקט ווי אונזער פאלק אלס א כלל ווערט באשיצט דורך די סוכה פון באשעפער, אזוי אויך זאל יעדער איד וויסן אז דער באשעפער שפרייט אויס א סוכה איבער אים פערזענליך. דער באשעפער טוט דיר באזונדער באשיצן.

דער באשעפער האט דיר געהאלפן אנקומען צו וואו דו שטייסט היינט. למעשה, אפשר ביסטו נאך צו יונג דאס צו אנערקענען. איין טאג וועסטו צוריקקוקן אויף דיין לעבנס ביאגראפיע און דו וועסט איבערראשט ווערן אויף די זאכן וואס האבן פאסירט וואס האבן דיר אפגעהיטן און גורם געווען אז זאכן זאלן זיך אויסלאזן אויפ׳ן בעסטן אופן פאר דיר. ווען דו וועסט זיין אן אלטער איד וועסטו צוריקקוקן און דו וועסט זאגן, ״אה, ברוך ה׳ אז דו, באשעפער, ביסט געווען א סוכה ארום מיר!״

איך וועל נישט אויפהאלטן אייער צייט אבער איך קען אייך דערציילן מעשיות וואס האבן פאסירט צו מיר איינמאל און נאכאמאל. איך קען אייך זאגן איבער כאטש פיר פעלער ווען דער באשעפער האט געטון עפעס צו מיר - אין יענע צייט האב איך געטראכט אז עס איז א שאד, א דורכפאל פאר מיר, און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז די דאזיגע פיר דורכפעלער האבן מיר געראטעוועט. פיר מאל אין מיין היסטאריע געדענק איך; עס זענען געווען מער ווי דאס, אבער ביי די פיר מאל געדענק איך אז איך האב פראבירט צו טון עפעס און איך בין דורכגעפאלן און דערנאך האט זיך ארויסגעשטעלט אז ברוך ה׳ אז איך בין דורכגעפאלן. אויב וואלט איך מצליח געווען, וואלט איך נישט געווען דא היינט. איך וואלט געווען רואינירט.

## זיך פארטשעפעט מיט די מאפיע

יעדער קען צוריקטראכטן און זען ווי אזוי ער איז געווען באשיצט אין דעם באשעפער׳ס סוכה.

עס איז געווען איינער דא אין אונזער שול, א פאראהערעוועטער מענטש וואס האט קיינמאל נישט געהאט קיין געלעגנהייט צו קומען צו קיין איינע פון אונזערע שיעורים אין גמרא. אפילו צום דאווענען האט ער נישט אלעמאל געקענט קומען. ער האט געארבעט אין זיין געשעפט ווי א שקלאף.

איין טאג האט ער אנגענומען א באשטעלונג פאר סחורה פון א ריזיגע געשעפט; א גרויסע באשטעלונג פון א פארצוייגטע געשעפטן נעץ. ער האט נישט געוואוסט אז דער קונה איז פריער געווען א קליענט ביי א צווייטן, איינער פון די מאפיע. אומווילנדיג האט ער אוועקגענומען א קונה פון די מאפיע. ווען זיי האבן געזען אז ער האט אוועקגענומען זייער קונה, זענען זיי געקומען ביינאכט צו זיין געשעפט און עס אויפגעפלאצט מיט א באמבע.

איז ער געקומען צו לויפן צו מיר גלייך אינדערפרי, "וואס זאל איך יעצט טון?!" ער האט מורא געהאט פאר זיין לעבן! די מאפיע האבן אים געזוכט צוליב דעם וואס ער האט פארכאפט פון זיי א קונה.

די ערשטע זאך האב איך אים געפרעגט, "וואו איז דיין קאר פארקירט?"

"פארנט פון מיין הויז אין די דרייוועי."

האב איך אים געזאגט, "אייל זיך שוין אונטער, זיי וועלן באמבאדירן דיין קאר! פאר אוועק דערמיט און שטעל עס אוועק פינף גאסן ווייט פון דיין הויז."

## גערעטעוועט דורך די מאפיע

דערנאך האב איך אים געפרעגט, "דו ווייסט ווער עס איז דער מענטש אויף וועמען'ס הינער-אויג דו האסט ארויפגעטראטן?" האט ער געענטפערט אז ער ווייסט ווער דאס איז. האב איך אים געזאגט, "רוף אים יעצט אן און זאג אים אז דו געבסט אויף דיין ביזנעס. זאג אים אז פון יעצט אן זאגסטו זיך אפ - דו פארשפארסט דיין געשעפט."

ער האט אים אנגערופן און דער מאפיאנער האט געענטפערט, "אה, אזוי? עס טוט מיר זייער לייד דאס צו הערן. אויב איך קען דיר מיט עפעס העלפן אין צוקומפט לאז מיר וויסן."

אצינד איז ער געווען ארבעטסלאז. ווייסט איר וואס האט פאסירט? ער האט זיך געדארפט איינגעבן פאר א שטאטישער פאסטן. און דאן האט ער אנגעהויבן קומען אין שול יעדן טאג. ער האט אנגעהויבן קומען צו די שיעורים, און נאך א שטיק צייט איז ער אויסגעוואקסן א שטיקל למדן. און אצינד לערנט ער מיט אנדערע גמרא! ער איז היינט אינגאנצן אן אנדערער מענטש.

## זוכה זיין צו די סוכה

און אזוי ווען עס קומט דער יום טוב סוכות, דאן איז די צייט צו טראכטן, 'ברוך ה', ברוך ה'. דער באשעפער געבט מיר די פולסטע אויפמערקזאמקייט' - פאר יעדן איינעם פון אונז; ער טוט וואס עס איז די בעסטע פאר אונז. עַל גּוֹזָלָיו יְרַחֵף, ווי דער אדלער וואס זיצט אויף זיין נעסט און שפרייט אויס זיינע פליגלען צו באשיצן זיינע קליינע קינדער (דברים לב:יא). דאס איז ווי אזוי דער באשעפער באשיצט מיר. ער העלפט מיר ביי יעדן טריט; היטנדיג אויף מיר ממש.'

אט איז א מענטש וואס זיצט אין זיין סוכה און ער טראכט, 'ווי אזוי בין איך צוגעקומען דערצו, צו זיצן אין די סוכה? אזויפיל יונגע מענטשן ווי מיר זענען היינט נישט אין די סוכה. וואו זענען זיי? איך ווייס נישט. וואו איז יעדער אנדערש? איך האב זוכה געווען צו זיצן אין ישיבה; די ישיבה איז א

סוכה. אה, דאס איז א זכות!'

אזוי פיל מענטשן האבן עס נישט דורכגעמאכט. אמאל קענט איר האבן א צווייטער קאזין; וואס האט פאסירט צו אים? א רחמנות אויף אים. אבער איך בין דא! איר דארפט טראכטן ווי גליקליך איר זענט אז איר געהערט צווישן די פרומע אידן. דער באשעפער האלט אייך אין זיין סוכה; ער באשיצט אייך.

## די עכטע סוכה

למעשה, מיר דארפן וויסן אז די סוכה אין וואס מיר זיצן איז בלויז א משל אויף די אמת'ע סוכה איבער אונז - דער באשעפער באשיצט דיר פערזענליך. ס'איז דא א וואלקן איבער דיין קאפ דיר צו באשיצן, א סוכה ארום דיר, א **סֻכַּת שְׁלוֹמֶךָ** פאר דיין טובה. דו קוקסט דורך די שפאלטנס פון די סכך צום הימל און דו ווערסט דערמאנט פון די עננֵי הכבוד, פון דיינע עננֵי הכבוד.

און כאטש מיר זעען נישט איבער אונזערע קעפ די וואלקענעס פון כבוד וואס די אידן האב געזען אין מדבר, איז די שכינה דאך איבער אונזערע קעפ. **אַשְׁרֶיךָ יִשְׂרָאֵל מִי כָמוֹךָ** - ווער איז ווי דיר, אידן? **רֹכֵב שָׁמַיִם בְּעֶזְרֶךָ** - אז דו האסט א באשעפער וואס פארט אין הימל דיר צו העלפן. דו זעסט עס נישט, אבער ער פארט אין די הימלען, אין זיין וואגן, דיר צו העלפן. **וּבְגַאֲוָתוֹ שְׁחָקִים** - ער איז אין די וואלקענעס (דברים לג:כו). ער איז איבער דיר, נאך אלץ אראפקוקנדיג אויף דיר, ביז'ן היינטיגן טאג.

# חלק ד. סוכות פון הימל

## פארשטיין דעם משל

דאס איז זייער א וויכטיגער פסוק צו פארשטיין. **רֹכֵב שָׁמַיִם בְּעֶזְרֶךָ** - דער באשעפער רייזט דורך די הימל אין א וואגן אונז צו באשיצן. טייל מענטשן ווען זיי הערן אזעלכע זאכן ווערן זיי צעמישט; דער באשעפער אין א וואגן? פארן אין די הימלען? ס'הערט זיך ווי א פארגלייך פון באשעפער צו מענטשן, חס ושלום.

איז איידער מיר גייען ווייטער מיט די נושא, וועל איך זאגן אפאר ווערטער איבער א וויכטיגער כלל אין די תורה. ווער עס לערנט מורה נבוכים, ווייסט אז די ערשטע דריטל פון דעם ספר רעדט א לאנגע אריכות איבער איין נושא; צו ערקלערן בפרטיות אלע פיזישע אויסדריקן אין די תורה איבער'ן באשעפער; יד ה', עיני ה' - די האנט פון באשעפער, די אויגן פון באשעפער. די תורה איז פול מיט אזעלכע אויסדריקן.

און אזוי געבט דער רמב"ם אפ פיל עמודים צו ערקלערן אין די לענג און די ברייט די דאזיגע אויסדריקן - זיי זענען בלויז משלים, זאגט ער. דער באשעפער האט נישט קיין הענט. ער האט נישט קיין אויגן. ער דארף נישט קיין אויגן צו זען. ער קען זייער גוט זען אן קיין אויגן. און אזוי ערקלערט דער רמב"ם די אלע אויסדריקן אין א מער אבסטראקטער און רוחניות'דיגער אופן. ער ערקלערט אונז די הויכע השגות וואס די דאזיגע פשוט'ע ווערטער מיינען באמת.

## דער איינדרוק פון באשעפער

אלזא, ערוועקט זיך די שאלה, פארוואס פעלט אויס אז די תורה זאל זיך דארפן באניצן מיט אזעלכע אויסדריקן וואס דערנאך פעלט אויס עס צו דארפן אזויפיל ערקלערן? אפילו דער תרגום אונקלוס באציט זיך דערצו. פיל מאל נעמט דער תרגום אונקלוס א פיזישער אויסדריק איבער'ן

באשעפער און ערקלערט עס אויף אן אנדערן אופן. צו וואס פעלט דאס אויס? עס וואלט דאך לכתחילה געקענט שטיין אין די תורה אזוי ווי דער רמב"ם ערקלערט עס. עס וואלטן געקענט שטיין אזעלכע סארט ערהאבענע ווערטער ווי עס האבן גענוצט דער רמב"ם און אונקלוס.

און דער אופן ווי עס שטייט יעצט איז דערצו אויף געפארפול, ווייל אויב איינער נעמט עס אן פאקטיש אזוי, איז ער א געענדיגטער. אויב טראכט איינער אז דער באשעפער האט א האנט אדער אויגן אדער א נאז צו שמעקן, איז ער אן אפיקורס - ער פארלירט זיין חלק אין עולם הבא.

דאן פארוואס האט דער באשעפער אנגעפילט די גאנצע תורה מיט אזעלכע 'פארנארונג מינעס'? ביי יעדן ריר קען א מענטש ווערן פארכאפט דערפון און פארלירן זיין טייל אין עולם הבא.

דער ענטפער איז, אז אויב דער באשעפער וואלט גערעדט אין די שפראך וואס דער רמב"ם ניצט, וואלטן מיר נישט געהאט די מינדעסטע הרגשה, קיין שום געפיל איבער דעם באשעפער בכלל, און דאס וואלט געווען נאך א גרעסערע געפאר. ס'איז ריכטיג - עס איז זייער א גרויסע סכנה צו פארשטעלן דעם באשעפער מיט גשמיות'דיגע באגריפן, אבער ס'איז דא א גרעסערע סכנה, און דאס איז, אים פארצושטעלן אן קיין גשמיות'דיגער צושטעל!

ווייל צו האבן א שוואכע בילד אין קאפ איבער דעם באשעפער איז ערגער ווי צו האבן א נישט ריכטיגע בילד. צו זיין א פרומער איד, אן אמת'ער אפגעהיטענער איד וואס ווערט טאקע קיינמאל נישט אריינגעמען אין קאפ א בילד פון באשעפער ווי א פיזישע מציאות, אבער ווערט דערביי האבן אזא שוואכער איינדרוק פון באשעפער אז ער איז אינגאנצן נאר א לערנונגס באגריף, בלויז א ווארט אין א ספר, דאס איז פיל ערגער.

## דער באשעפער איז דער איינציגסטער מציאות

מיר דארפן שפירן די אנוועזנהייט פון באשעפער און דערפאר איז זייער וויכטיג צו האבן דעם געפיל אז דער באשעפער האט אויגן; **עֵינֵי ה' הֵמָּה מְשׁוֹטְטִים בְּכָל הָאָרֶץ** - דעם באשעפער'ס אויגן פארן איבער די גאנצע וועלט און קוקן איבעראל (זכריה ד:י). דאס איז ווי אזוי מיר דארפן טראכטן. מיר מוזן שווער ארבעטן אויף צו קונה זיין א פיזישער איינדרוק פון באשעפער.

אודאי, דער רמב"ם לייגט צו, מ'טאר נישט גלייבן אז דאס איז פאקטיש - מען דערנידערט דעם באשעפער אויב מ'טראכט אזעלכע זאכן. און דאך איז עס אונזער חיוב צו לעבן מיט די געדאנקען דורכאויס אונזער גאנץ לעבן - דער צוגאנג פון באשעפער מיט אויגן און הענט מוז אנהאלטן. דאס ווערט גערופן א קעגנזאץ; עס איז דא א גרויסער חילוק צווישן די פאקטישע ווארהייט און ווי אזוי מיר דארפן טראכטן. דער רמב"ם וויל נישט אוועקנייגן פון דעם צוגאנג צו ניצן פיזישע אויסדרוקן, ער וויל עס אונז בלויז ערקלערן. מיר דארפן לעבן מיט די איינדרוקן ווי ווייט מעגליך.

דאס איז פארוואס מיר זאגן, "דער באשעפער רייט אין די הימלען אונז צו העלפן." ווייל אזוי דארפן מיר טראכטן! נישט בלויז זיין א פילאזאף וואס ווייסט אז ערגעץ געפינט זיך דער באשעפער; ער איז א ווארט, א געדאנק. אה ניין! דער באשעפער איז די שטארקסטע ווארהייט פון אלע ווארהייטן און מיר דארפן טון אלעס וואס מיר קענען צו קונה זיין די אנערקענונג ווילאנג מיר געפינען זיך נאך אויף די וועלט.

## ניצן די הימל

אלזא, דאס ברענגט אונז צו איינע פון די געוואלדיגע באגריפן פון 'שמים'. **הַשָּׁמַיִם מְסַפְּרִים כְּבוֹד**

קֵל - די הימלען דערציילן פון באשעפער'ס כבוד (תהלים יט:ב). דער הימל, דארפט איר וויסן, איז זייער וויכטיג צו קוקן דערויף, נישט בלויז סוכות; ס'איז וויכטיג א גאנץ יאר. דערפאר איז דא א דין אז עס איז מער לכתחילה צו דאווענען אין א צימער וואו עס זענען דא פענסטערס (שלחן ערוך או"ח צ:ד). און די סיבה איז, כדי מ'זאל זען דעם הימל. דאס מיינט נישט אז מ'דארף קוקן דערויף א גאנצע צייט, אבער דער הימל דארף זיין אנזעבאר.

דער באשעפער וויל מיר זאלן וויסן ווען מיר קוקן אויף די וואלקענעס, אויפ'ן הימל, מיר זאלן טראכטן פון אים. **הַשָּׁמַיִם מְסַפְּרִים**; ווען איר קוקט אויפ'ן הימל דארף עס אייך דערמאנען פון באשעפער. דאס זענען דיינע ענני הכבוד. ס'איז נישט סוכות. ס'איז פורים, ס'איז חנוכה, און דו זעסט איבער דיר דעם הימל. דער הימל איז דיין סוכה יעדן טאג.

אצינד לייג צו קאפ, איך זאג יעצט א פראקטישער דערהער. פראקטיציר דאס ווען דו גייסט אויפ'ן גאס; קוק פאר א מאמענט אויפ'ן הימל. דאס זאל דיר דערמאנען פון באשעפער. מאך נישט אוועק דאס וואס דו הערסט אצינד; טראכט נישט אז עס איז נישט וויכטיג. ס'איז זייער וויכטיג! דער הימל איבער'ן קאפ איז א געוואלדיגע געלעגנהייט. קוק אויפ'ן הימל; ס'איז דארט כדי דיר צו מאכן טראכטן פון באשעפער, דיר צו דערמאנען אז ער באוואכט דיר.

דאס איז ווי אזוי דו דארפסט פירן דיין לעבן. ווען נאר דו גייסט אין גאס, קוק ארויף אויפ'ן הימל אויף די וואלקענעס און זיי וועלן דיר דערמאנען אז דו געפינסט זיך אונטער די וואלקענעס פון באשעפער'ס כבוד. דאס איז פארוואס דער הימל איז דארט! **לְמַעַן יֵדְעוּ** - כדי דיר צו לאזן וויסן, דיר צו דערמאנען איבער די ענני הכבוד.

## א זיפ אין הימל

אודאי זענען דא אויך אנדערע פונקציעס פון שמים. ס'איז א וואונדערליכער מקור פון פרישע לופט פאר אונז. צוויי הונדערט מייל גלייך ארויף פון פרישע לופט. מיר דארפן דאס. מיר דארפן אט די פרישע לופט. עס איז דא דארט קוילנשטאף (קארבאן דיאקסייד) וואס מאכט די פלאנצונגען וואקסן און ארויסגעבן פרוכט. ס'איז דא דארט ניטראזשען און אנדערע וויכטיגע גאזן וואס דרינגען אריין אין אלעם וואס איז וויכטיג פאר אונז עס זאל עקזיסטירן. די לופט איז ווי א מאגאזין פאר אלע סארטן נויטווענדיגקייטן פון לעבן. מענטשן אנערקענען נישט אז עסן און קליידונג קומט מערסטנס פון די לופט.

דער הימל האט אזויפיל פונקציעס. דער הימל איז ווי א זיפל און עס זיפט דורך די שעדליכע השפעות פון די זון'ס שטראלן בשעת זיי קומען אראפ. אין די צייט וואס די זון'ס שטראלן מאכן זייער וועג אראפ לענגאויס מיילן אויף מיילן אין די אטמאספער און קומען אראפ צום ערדקוגל, קומען זיי מיט כוחות וואס זענען צוגעפאסט צו די נויטווענדיגקייטן פאר די ערד. אלעס ווערט געטון מיט א ציל. ס'איז דא אזויפיל צו זאגן איבער דער הימל.

און דאך, די וויכטיגסטע פונקציע פון דער הימל איז, **'הַשָּׁמַיִם מְסַפְּרִים כְּבוֹד קֵל'**. דער הימל איז דארט אונז צו מאכן טראכטן פון באשעפער און עס איז אט די וויכטיגסטע פונקציע וואס איז די מערסטע פארנאכלעסיגט ביי אונז.

## קונה זיין יראת שמים

דאס איז דער באדייט פונעם אויסדריק אז מ'זאגט אויף איינעם אז ער איז א 'ירא שמים'. וואס

איז א ירא שמים? ס'איז מורא פון באשעפער, נישט מורא פון שמים! דער ענטפער איז, אז דער באשעפער ווערט סימבאליזירט דורך די שמים. ווייל א ירא שמים, דאס איז א מענטש וואס האט מורא פון באשעפער מיט א פיזישער געפיל; ער קוקט ארויף צום הימל א גאנצע צייט און ער דערמאנט זיך אז דער באשעפער איז אין הימל און קוקט אויף אים.

איר געדענקט וואס עס שטייט אויף יונה הנביא ווען ער איז געפארן אויפ'ן שיף און ער איז איינגעשלאפן ביים אונטערשטן טייל פונעם שיף? דאן איז דער שיף קאפיטאן געקומען צו אים און געפרעגט, "פארוואס שלאפסטו?! שטיי אויף! **קוּם קְרָא אֶל אֱלֹקֶיךָ** - שטיי אויף און רוף צו דיין באשעפער."

און דאן ווען ער האט אנטדעקט אז יונה איז דער וואס האט גורם געווען דעם שרעקליכן שטורעם - זיי האבן געווארפן א גורל און עס איז געפאלן אויף אים - און די שיף האט געהאלטן ביים איינזינקען בלויז צוליב יונה, האבן זיי אים געפרעגט, "ווער איז דיין באשעפער?"

איז וואס האט יונה געענטפערט? ער האט געזאגט, "**אֱלֹקֵי הַשָּׁמַיִם אֲנִי יָרֵא** - איך האב מורא פון מיין באשעפער אין הימל." דאס איז א מורא'דיגער אויסדריק! **אֱלֹקֵי הַשָּׁמַיִם**! אלזא, איר טראכט אפשר אז איר וואלט געזאגט, "דער באשעפער איז איבעראל; ער איז נישט בלויז אין הימל." און דאך איז יונה געווען קליגער און ער האט געזאגט, " **אֱלֹקֵי הַשָּׁמַיִם** - מיין באשעפער איז אין הימל. איך קוק ארויף צום הימל און איך טראכט פון באשעפער." יונה האט געוואוסט צוליב וואס עס איז דא א הימל.

## יעצט איז די צייט

דער באשעפער איז איבער אונז, איבעראל. ווען מיר קוקן צום הימל טראכטן מיר דערפון למעשה. ס'איז נישט סתם עפעס, א מחשבה צו הערן. קוקט אויפ'ן הימל פון צייט צו צייט און עס זאל אייך דערמאנען פון באשעפער. דאס איז דער צוועק פונעם הימל. און אויב מיר פירן אונזערע לעבנס אן דאס אויסצוניצן, זאלן מיר וויסן אז מיר דערלייגן א גלענצנדע געלעגנהייט.

למעשה, אויף וויפיל דאס איז א צוגאנג וואס מיר זוכן צו קונה זיין א גאנץ יאר, האט יעדער יום טוב א געוויסע ספעציעלע אייגנשאפטן און די געלעגנהייט פון סוכות איז ספעציעל געאייגנט צו קונה זיין די השגה. אויף ווי ווייט מעגליך, ניצט די סוכה צו ארייננעמען אין זיך א באוואוסטזיניגקייט פון דעם געוואלדיגן פאקט אז דער באשעפער איז איבער אונזערע קעפ און ער איז דער וואס פירט אונז און באשיצט אונז אויף אייביג און אייביג. נישט קיין חילוק וואס די גוים פראבירן צו טון קעגן אונז, וועלן מיר ווייטער עקזיסטירן און מיר וועלן לעבן לענגער ווי די גוים.

און יעדער מענטש דארף אויך טראכטן אויף זיך פערזענליך אז דער באשעפער באשיצט אים דורכאויס זיין גאנץ לעבן. דאס איז דיווארהייט - ער וועט זיין אונזער סוכה אויף אייביג און ער וועט זיין דיין סוכה אויף אייביג. אין די צייט וואס דו גייסט אריין אין די סוכה, דו טוסט דארט אלע גוטע זאכן; אידישע מנהגים, זייער גוט. אושפיזין, נוי סוכה, זמירות, אלעס; שמחת יום טוב, זייער גוט! אבער פארנאכלעסיג נישט די געלעגנהייט צו טראכטן אז די סוכה יעצט איז א לערע פאר דיר אז דער באשעפער באשיצט אונזער פאלק אויף אייביג און אייביג.

און אין זכות פון די מצוה וואס דו ביסט יעצט מקיים דורך קוקן אויף די סכך און פארשטיין אז דער באשעפער באשיצט אונז פון אויבן אין יעדן דור פונקט ווי ער האט געטון אין מדבר, לויט דיין מאס פון אמונה, דאס איז וויפיל ער וועט דיר באוואכן אויף אייביג און אייביג.

# שאלות ותשובות

## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

### שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך

**שאלה:**

**אויב א מאן און ווייב פראבירן צו לעבן בשלום און זיי זענען מצליח, קען זייער פרייד אויף די וועלט אראפגערעכנט ווערן פון זייער פרייד אויף יענע וועלט?**

**אויך, צי קען זייער שלום בית צעשטערט ווערן אלס אן עונש פאר זינד?**

**תשובה:**

דאס זענען צוויי באזונדערע שאלות, וועלן מיר ענטפערן איינע אויפאמאל. ווען מענטשן זענען פרייליך אלס רעזולטאט פון טון מצוות, וועלן זיי קיינמאל נישט פארלירן קיין שום שכר אין עולם הבא צוליב זייער פרייד. כאטש וואס אנדערע סארט פרייד ווי פון עשירות אדער כבוד אדער אפילו אריכת ימים קענען אראפגערעכנט ווערן פון זייער שכר אויף יענע וועלט — א מענטש דארף מורא האבן אז ער ווערט באצאלט אויף די וועלט - אבער אויב ביסטו פרייליך אלס רעזולטאט פון טון מצוות, אויב ביסטו פרייליך ווייל דו פראבירסט צו לעבן בשלום מיט מענטשן און מענטש האבן דיר ליב, אדער אז מאן און ווייב לעבן גוט צווישן זיך, דאס וועט קיינמאל נישט אראפגערעכנט ווערן אלס טייל פון דיין שכר. און דערפאר, אויב ווערסטו זיצן אין די סוכה און פארברענגען מיט דיין פאמיליע אום סוכות, דאס וועט קיינמאל נישט אראפגערעכנט ווערן פון דיין שכר אין עולם הבא. דאס איז א כלל גדול - די שמחה פון א מצוה ווערט קיינמאל נישט פארעכנט אלס באצאלונג אויף די וועלט.

די צווייטע שאלה: צי וועט די פרייליכקייט וואס מען איז קונה דורך טון א מצוה ווערן איינגעשטעלט דורך א נישט גוטע אויפפירונג? און דער ענטפער איז אז אלעס איז איינגעשטעלט דורך א נישט ריכטיגע אויפפירונג. אפילו דיינע תפילין זענען איינגעשטעלט. איר זעט אז מיר זאגן מפני חטאינו גלינו מארצנו - צוליב אונזערע זינד זענען מיר פארשיקט געווארן פון אונזער לאנד און מיר האבן פארלוירן דעם בית המקדש און די קרבנות. מיר האבן פארלוירן מערסטנס פון דעם סדר קדשים! און מערסטנס פון דעם סדר טהרות האבן מיר פארלוירן. א גרויסן טייל פון ש"ס האבן מיר פארלוירן צוליב מפני חטאינו. איז זעט איר אז דורך עובר זיין אויף עבירות, קענען מענטשן פארמיטן ווערן אפילו פון מצוות. א מצוה איז א זכות — ס'איז א זכי' צו קענען טון מצוות. און צומאל, דורך זינד, קען א מענטש דערלייגן אט די זכי'. און דאס איז דער ערגסטער סארט שטראף וואס קען זיין - עס איז נישטא קיין ערגערע שטראף ווי צו פארלירן די מעגליכקייט צו טון מצוות.